NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00916

KHAVER-PAVERS MAYSELAKH

Chaver-Paver

Permanent preservation of this book was made possible
by Ms. Henrietta Cooper Mirell
in honor of her beloved grandson,
Solomon (Solly) Leon Levenson Mirell's Bar Mitzvah, April 28, 2001

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאווער-פּאווערס מעשהלאך

מייזעלע — גנב

אילוסטרירט
פון
אהרן גודעלמאן

ארויסגעגעבן
פון
פארלאג „מתנות“
באם שלום עליכם פאלק אינסטיטוט
ניו יארק.

כאָווער פאָוועריס מעשהלאַך אין צוויי בענד.
ערשטער באַנד: מייזעלע גנב און אַנדערע.
צווייטער באַנד: יאַנקעלע שנייעלע און אנד.
אילוסטרירט פון א. גודלמאַן.

Copyright, 1925, by the
Sholem Aleichem Folks Institute

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון דעם פרויען קלוב
„פאַר די קליינע קינדערס וועגן„
בא דעם שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט.

יאַנקעלע פליט אין חלום לאַנד

אַ, יאַנקעלע וויל שלאָפן. שאַ.... שטיל... אַ לעמפעלע אויפן טי־שעלע, ליגט יאַנקעלע אין זיין בעטעלע, קלאַפּט דער זייגער: טיק, טאַק, טאַק... זיצט די מאַמע באַ יאַנקעלען אין בעטעלע..
האָסט מורא? ניטאָ וואָס מורא צו האָבן: די מאַמע זיצט לעבן דיר.

אַט גלעט די מאַמע יאַנקעלעס קעפּעלע באַ זיינע ווייכע הערעלאַך און אַז די מאַמע וויל גאָר, גיט זי יאַנקעלען אַ קוש גלייך אין פּיסקעלע אַריין. אַט קושט זי איינמאָל, אַט קושט זי צוויי מאָל. און איצטער, אַז יאַנקעלע וויל, גיט ער דער מאַמען אויך אַ קוש.

אַט אַזוי, יאַנקעלע, אַט אַזוי! אַ יאַ, גוט? נו, איצטער האָסטו שוין קיין מורא ניט?

יאַנקעלע איז שוין אַ גרויסער, גרויסער בחור. אַט אַזוי גרויס! און אַז יאַנקעלע וויל נאָך אויסציען די פיסלאַך, גלייך, גלייך, אַט אַזוי, וועט ער אויסוואַקסן

נאָך גרעסער. וועט ער שוין זיין אַזוי גרויס, אַזש ביז אין דער סטעליע. און אַ גרויסער בחור טאָר ניט האָבן מורא באַנאַכט צו שלאָפן אין זיין בעטעלע, ווען די מאַמע זיצט נאָך לעבן אים...

— נו, וואָס זשע שלאָפסטו ניט, אינגעלע? דו ווילסט הערן אַ מעשהלע? נו, גוט. בויג זשע צו דיין רעכט אויערל, אָט אַזוי, וועט דיר דיין מאַמע אַ מעשהלע אַריינריידן. נאָר פריער וועט די מאַמע גיין אויסלעשן ס'לעמפּעלע.

אַ יאָ, מע דאַרף ניט קיין לעמפּעלע? דאָס ליכט שיינט גאָר יאַנקעלען אין די אויגן.

פּאַף, ס'לעמפּעלע איז שוין פאַרלאָשן. פינצטער... שטאַרק פינצטער. נאָר די מאַמע זעט יאַנקעלעס אויגן. אָ, ווי זיי בלישטשען! טאַקע ווי צוויי שטערנדלאַך.

— וואָס־זשע ציטערסטו אויף, אינגעלע? האָסטו מורא? צי ס'איז דיר קאַלט? אָט דעק איך דיך גוט איין מיט דער קאָלדרע, און יאַנקעלען איז שוין ניט קאַלט. אָט גלעט די מאַמע יאַנקעלעס קעפּעלע, און יאַנקעלע האָט שוין ניט מורא. נאָר וואָס דען ס'איז פינצטער? איז טאַקע זייער גוט: וואָס־זשע הערסטו זיך אַזוי צו אינגעלע? וואָס מיינט דער זייגער, ווען ער קלאַפּט טיק, טיק, טאַק? ווילסטו וויסן? יאָ? ער ווייסט נאָר איין מעשהלע אַ קליינינקס און אַ קורצס, האַלט אין איין דערציילן דער זייגער זיין מעשהלע. טיק־טיק־טאַק. זאָגט דער זייגער: נעכטן געקלאַפּט, היינט גע־קלאַפּט, מאָרגן, תמיד נאָר איך קלאַפּ: טיק־טאַק־טאַק. טיק־טיק־טאַק.

— וואָס־זשע נאָך הערסטו, אינגעלע ? הערסטו ניט ווי ס׳מאַכט עמיצער : ש׳ש׳ש׳ש ! דאָס שלאָפט שוין די גאַנצע וועלט. יאַנקעלע וועט שלאָפן. די מאַמע אויך, וועלן מיר אויך מאַכן : ש׳ש׳ש׳ש !

שטיל... שטיל... יאַנקעלע דרעמלט שוין. הערט ער ווי אַ קליין דינינק פידעלע שפּילט אַזוי גרינג און ווי עפּעס אַ גלעקעלע קלינגט אַזוי שטיל : דזין־דזין־דזין. קומען מלאכימלאַך, בלויאינקע, מיט ווייסע פליגעלאַך. שאַ, שטיל פליען זיי. נעמען זיי יאַנקעלען, פליען זיי מיט אים אַוועק, ווייט... ווייט... מאַכט עמיצער : ש־ש־ש־ש־ש־ש... אַ גלעקעלע מיט אַ פידעלע. די מ־אַ־מ־ע און אַ גלעקע־לע.....

קעצעלע וואַשערן

איז אַמאָל געווען אַ מיידעלע אַ קליינע, וואָס האָט געהייסן שרהלע די שיינע.

האָט שרהלע די שיינע געהאַט אַ קעצעלע אַ וואַשערן, וואָס האָט ניט געוואָלט ליידן, אַז מען פלעגט זי רופן נאַשערן, און אַ הינטעלע אַ ליגנער, וואָס האָט ליב געהאַט שטענדיק נאָר זיך שווערן, אָבער קיי־נער פלעגט אים ניט גלויבן און ניט הערן. דערצו נאָך איז דאָס הינטעלע געווען אַ האַווקער און אַ שרייער און האָט מורא געהאַט פאַרן קעצעלע ווי פאַר פייער.

איינמאָל האָט ס׳הינטעלע דעם קעצעלע באַ אַן אויערל געוואָלט אָנכאַפּן, האָט גענומען ס׳קעצעלע און זיך אָנגעהויבן צו דראַפּען. איז געגאַנגען ס׳הינטעלע צו שרהלען זיך קלאָגן, אַז ס׳קעצעלע האָט אים נעבאַך געשלאָגן.

פרעגט שרהלע:

„קעצעלע, וואַשערן, דו גרויסע נאַשערן, זאָלסט מיר באַלד זאָגן, פאַרוואָס האָסטו ס׳הינטעלע געשלאָגן.“

מאַכט ס׳קעצעלע:

„ס'הינטעלע ליגנער האָט מיך געמעגט באַם אויער אָנכאַפּן, האָב איך געמעגט זיין פּנים צעדראַפּעו."

„זאָל איך אַזוי לעבן, אַז ס'איז ניט אמת", הייבט ס'הינטעלע זיך אָן צו שווערן, אָבער שרהלע גלויבט אים ניט און וויל אפילו אים ניט אויסהערן.

אפילו טאַקע ס'קעצעלע האָט זיך שטענדיק ליב געהאַט צו וואַשן, דערפאַר אָבער פלעגט עס פון אַלע טעפּעלאַך נאַשן. ס'איז טאַקע געווען אַ מחיה ריין, ציכטיג און שיין. אָבער וואו נאָר סמעטענע אַ קריגל איז אַ ווינקל, באַלד ס'קעצעלע אַריינגעשטופּט ס'צינגל. לעק, לעק, אויפגענאַשט ביזן דעק.

איינמאָל שטייט קעצעלע נאַשערן אין אַ ווינקעלע, שטייט. זעט עס ווי שרהלע גייט מיט אַ לעפל, גייט. שרהלע האָט דאָס קעצעלע ניט געזען, האָט זי געלאָזט ס'טעפּל אויפן טיש אַזוי שטיין. אַליין איז זי געגאַנגען אַרוים און זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר הויז.

איז ס'קעצעלע באַלד אַרוים פון ווינקל, אַרויף אויפן טיש און זיך אַזש באַלעקט מיטן צינגל, אָנגעהויבן צו שפּרינגען, טאַנצן און אַזוי צו זינגען:

סמעטענע, סמעטענע פול אין דעם טעפּל,
וועט טאַקע זיין אַ ברכה צו מיין קעפּל,
וועל איך לעקן, לעקן,
און פאַר שרהלען זיך ניט שרעקן.
דעם הינטעלע אפילו ניט אַ ביסעלע
און מיר אַ פולע שיסעלע.

פּלוצלינג איז ס'הינטעלע אין קיך אַריינגעגאַנגען,

ס'האָט געוואָלט פון דער שאַפע אַ שטיקל ברויט דער־
לאַנגען. גיט עס אַ קוק: ס'קעצל שטייט באַם טעפל,
לעקט די סמעטענע און שאָקלט מיטן קעפל.
גיט ס'הינטעלע אַ געשריי אַזוי: „אוי! אוי!
קעצעלע וואַשערן, מעג מען זיין אַ נאַשערן! אַט גיי
איך באַלד שרהלען דערציילן, וועלן דיר שוין קיין קלעפ
ניט פעלן“.
מאַכט ס'קעצעלע:



„הינטעלע נאַר, שאַ, שטיל, קיינעם ניט זאָג, וועלן מיר ביידע האָבן אַ גוטן טאָג. איך וועל אַביסעלע לעקן, דו וועסט אַביסעלע לעקן. ס׳וועט אי פאַר דיר, אי פאַר מיר סמעטענע קלעקן.“

באַלעקט זיך ס׳הינטעלע, גיט מיטן אויג אַ פינ־טעלע:

„ס׳קעצעלע איז אודאי גערעכט, סמעטענע איז טאַ־קע גאָרניט שלעכט“.

האָבן זיי ביידע געגעסן, געגעסן און אָן שרהלען אינגאַנצן פאַרגעסן. ס׳הינטעלע זיך אָנגעלעקט, ס׳קעצע־לע זיך אָנגעלעקט און נאָך מיט סמעטענע יעדער זיין פנים פאַרפלעקט.

ס׳קעצעלע אָבער האָט באַלד גענומען מיט איר פיסל ס׳פנים וואַשן, מ׳זאָל ניט דערקענען צי זי קאָן אפילו נאַשן. ס׳הינטל מיט סמעטענע אַ פאַרשמירטער איז אַרום אויפן הויף, נאָכן האָן לויף, לויף. נאָך די הינער זיך גענומען יאָגן, געוואָלט זיי כאַפּן און אָנ־שלאָגן. געשטיפּט און געלאַכט און זיך זייער פריילאַך געמאַכט.

דערווייל ווערט שרהלע הונגעריק, גייט זיך אין קיך אַריין, זעט זי, שטייט זיך ס׳טעפּל אַזוי גוט און פיין. גיט זי אָבער אין טעפּל אַ קוק אַריין: ווי! ליידיק ביזן דעק. נישטאָ דאָרט אפילו קיין לעק. רופט שרה־לע ס׳הינטעלע מיטן קעצעלע אַריין אין קיך, רופט זיי צו זיך:

„קעצעלע, קעצעלע,“ זאָגט שרהלע צו דער וואַ־
שערן, „דו האָסט מסתמא אויפגענאַשט די סמעטענע,
ווייל דו ביסט דאָך אַ גרויסע נאַשערן.“

זאָגט ס׳קעצעלע:

„שרהלע דו שיינע, גיב נאָר אַ קוק, ווי איך בין
אַ ציכטיקע און אַ ריינע. מיר דאַכט זיך, אַז ס׳הינטעלע
האָט גאָר די סמעטענע אויסגעלעקט, גיב נאָר אַ קוק
ווי זיין פּנים איז נאָך פאַרפלעקט.“

הויבט זיך ס׳הינטעלע אָן צו שווערן, אָבער שרה־
לע וויל אים אפילו ניט הערן. געכאַפּט אַ שטעקן און
שלאָגט ס׳הינטעלע פאַר דער סמעטענע אויסלעקן.

זיצט ס׳הינטעלע און וויינט, און וויינט, דאָס קע־
צעלע אָבער ווי ניט איך מ׳מיינט. זי שטייט און האַלט
זיך אין איין וואַשן, און וואַשן. אַרומגעוואַשן און אַוועק־
געגאַנגען ווייטער זוכן וואָס צו נאַשן.

שרהלע מיט דעם ציגעלע

רהלעס ציגעלע האָט זיך איינמאָל צו־געטשעפּעט צו איר אַז ס'וויל אויך גיין מיט איר אין קינדערגאָרטן זיך לערנען. וויפל שרהלע האָט צו דעם ניט געטענהט: פּע, ציגעלע, ס'איז ניט שיין, אַז דו זאָלסט גיין אין קינ־דערגאָרטן. וואָס וועט זאָגן די לערערן? וואָס וועלן זאָגן די קינדערלאַך? זיי וועלן מיך אויסלאַכן.

אָבער ס'ציגעלע האַלט זיך באַ זיינס: איך וויל אויך גיין און שוין.

וואָס־זשע פּלעגט שרהלע טאָן? גאַנץ פרי, ווען ס'ציגעלע איז נאָך געשלאָפן אין זיין וויגעלע, פּלעגט זי גיך אויפשטיין, נעמען ס'גרינע טאָרבעלע מיטן שערעלע און מיטן נאָז־טיכל און זיך שטיל אַרויסגנבענען פון דער שטוב, אַזוי אַז ס'ציגעלע האָט אפילו ניט געהערט. ס'איז זיך געלעגן אין וויגעלע און האָט געשנאָרכט מיטן נע־זעלע און ווייסט פון גאָרניט. אַז דער זייגער האָט געשלאָגן אַכט און ס'ציגעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט פונם

שלאָף, גיט'ס אַ קוק: שרהלע איז ניטאָ. אַז ס'האָט אָנגעהויבן צו וויינען און וויינען, האָט עס געוויינט ביז שרהלע האָט זיך אומגעקערט פונם קינדערגאָרטן.

— וואָס וויינסטו, ציגעלע? — פרעגט שרהלע.

ס'ציגעלע וויל אפילו ניט ריידן מיט איר. ס'ליגט און ס'וויינט.

איינמאָל טראַכט זיך אַזוי ס'ציגעלע: מאָרגן וועל איך אויפשטיין פרי, פרי, און אַז שרהלע וועט גיין אין קינדערגאָרטן, וועל איך זיך אונטערגנבענען און וועל אויך נאָכגיין.

געטראַכט און געטאָן: גאַנץ פרי, ווען שרהלע איז אויפגעשטאַנען פון איר בעטעלע, איז שוין ס'ציגעלע ניט געשלאָפן. ס'איז געלעגן אין וויגעלע און זיך צוגעקוקט צו אַלץ, וואָס שרהלע האָט געטאָן. זעט עס, ווי שרה־לע עסט אָפּ איבערבייסן און ווי שרהלע נעמט איר גרין טאָרבעלע און גייט אַרויס אין דרויסן. האָט גענומען ס'ציגעלע און גיך אַרויסגעשפרונגען פון זיין וויגעלע און לאָזט זיך גיין שטילערהייט נאָך שרהלען.

האָט דערזען ס'הינטעלע מאַרקאָ, וואָס האָט זיך געקאַטשעט אין הויף איבער דער ערד, אַז ס'ציגעלע גייט גאָר אַוועק מיט שרהלען ערגעץ־וואו. האָט אים פאַר־דראָסן די מעשה. וואָס הייסט מע לאָזט אים גאָר איבער אַליין? האָט גענומען ס'הינטעלע, גיך־גיך צוגעלאָפן צום ציגעלע: — ציגעלע, ציגעלע, וואוהין גייסטו? — פרעגט מאַרקאָ.

— וואוהין איך גיי? אין קינדערגאָרטן גיי איך, — ענטפערט ס׳ציגעלע און ווערט גרויס באַ זיך.

— נעם מיך אויך מיט, — בעט זיך ס׳הינטעלע מארקא.

זאָגט ס׳ציגעלע: אַז דו וועסט מיר מיין ניט נאָכ־לויפן און מיר מיין ניט רייסן באַ די אויערן, וועל איך דיך אויך מיטנעמען.

זאָגט ס׳הינטעלע: ווי איך בין אַ איד, אַז איך וועל מיין ניט.

זאָגט ס׳ציגעלע: זאָלסט געדענקען. נו, קום מיט מיר, נאָר שטילערהייט, שרהלע זאָל ניט וויסן.

גייען זיי שוין אַלע דריי.

האָט דערזען ס׳קעצעלע, וואָס איז זיך געלעגן אויפן דאַך און האָט זיך געוואַרעמט אונטער דער זון, אַז ס׳ציגעלע מיטן הינטעלע גייען ערגעץ אַוועק מיט שרהלען, האָט אים פאַרדראָסן די מעשה. וואָס הייסט מ׳זאָגט אים גאָרניט, וואוהין זיי גייען? האָט ס׳קעצעלע גענומען און גיך אַראָפּגעשפּרונגען פונם דאַך אויף דער ערד, צוגע־לאָפן צום הינטעלע און פרעגט׳ס: הינטעלע, הינטעלע, וואוהין גייסטו?

— וואוהין איך גיי? אין קינדערגאָרטן גיי איך, — ענטפערט ס׳הינטעלע און בלאָזט זיך אָן. ס׳וויל אפילו ניט קוקן אויפן קעצעלע.

רופט זיך אָן ס׳קעצעלע: נעם מיך אויך מיט.

רופט זיך אָן ס׳הינטעלע: מיינסט איך האָב שוין

פאַרגעסן, אַז דו האָסט מיך נעכטן אַ דראַפּע געטאָן באַ דער נאָז ? גיי, גיי, איך בין מיט דיר ברוגז.

שווערט זיך ס'קעצעלע : זאָל איך אַזוי לעבן, איך וועל דיך מער ניט גראַבלען.

— גערענק־זשע, — זאָגט ס'הינטעלע, — נו, קום מיט מיר, נאָר שטילערהייט, ס'ציגעלע זאָל ניט וויסן.

גייען זיי שוין אַלע פיר.

האָט דערזען דער האָן, וואָס איז אומגעגאַנגען מיט זיינע דריי הינער איבערן הויף און האָט געזוכט עפּעס־וואָס צו עסן, אַז ס'ציגעלע מיטן הינטעלע און מיטן קעצעלע גייען ערגעץ אַוועק מיט שרהלען. טראַכט דער האָן באַ זיך : מ'דאַרף צולויפן און אַ פרעג טאָן, וואוּ־הין זיי גייען.

איז ער צוגעלאָפן גיך, גיך אויף זיינע צוויי דינע פיסלאַך, גלייך צום קעצעלע, און געפרעגט :

— קעצעלע, קעצעלע, וואוהין גייסטו ?

הייבט זיך אָן ס'קעצעלע ריידן מיטן האָן : איך גיי טאַקע אין קינדערגאָרטן און דו ניט. אַהאַ !

רופט זיך אָן דער האָן : איך בעט דיך, נעם מיך אויך מיט.

רופט זיך אָן ס'קעצעלע : מיינסט איך וויים ניט, אַז דו טראַכסט אוים אויף מיר אַלע מאָל ליגנס ? פאַר־וואָס האָסטו נעכטן דערציילט שרהלען, אַז איך האָב אויפגענאַשט די סמעטענע פונם קריגעלע ?

רופט זיך אָן דער האָן : וועסטו זען, אַז איך וועל מיין ניט, קיינמאָל, אייביק ניט.

רופט זיך אָן ס׳קעצעלע: אויב אַזוי, קום מיט מיר, נאָר שטילערהייט ס׳הינטעלע זאָל ניט וויסן.

גייען זיי שוין אַלע פינף.

דערווייל האָבן די הינער דערזען, אַז דער האָן לאָזט זיי גאָר איבער אַליין. זיינע זיי געוואָרן ברוגז און זיי־נען צוגעלאָפן מיט אַ גאַנצער טענה צום האָן: וואָס הייסט ער לאָזט זיי גאָר איבער און אַליין גייט ער זיך ערגעץ אַוועק?

רופט זיך אָן דער האָן: איך גיי אין קינדער־גאָרטן. אויב איר ווילט אויך גיין מיט מיר, זאָלט איר זיך פירן ווי מענטשן — ניט קוואָקען, ניט שרייען, זיך ניט צעלויפן אין אַלע זייטן, ווי אייער שטייגער איז.

שווערן זיך די הינער באַ טאַטע־מאַמע, אַז זיי וועלן זיך פירן לייטיש. זאָגט צו זיי דער האָן:

— נו, קומט מיט, נאָר שטילערהייט, ס׳קעצעלע זאָל ניט וויסן.

גייען זיי שוין אַלע אַכט. פריער ס׳מיידעלע שרה־לע, נאָך שרהלען ס׳ווייסע ציגעלע, נאָכן ציגעלע — ס׳הינטעלע, נאָכן הינטעלע — ס׳קעצעלע, נאָכן קעצעלע — דער גרויסער האָן און נאָכן האָן — די דריי הינער.

גייען זיי, גייען זיי, ביז זיי קומען צום קינדער־גאָרטן. שטייט די לערערן באַ דער טיר. זאָגט שרה־לע: „אַ גוט־מאָרגן, לערערן“. זאָגט די לערערן: „אַ גוט יאָר, שרהלע. זע נאָר, שרהלע, ווער איז דאָס די גאַנצע קאָמפּאַניע?“

קוקט זיך אום שרהלע. טרעפט נאָר וועמען זי האָט דערזען? אודאי די גאַנצע קאָמפּאַניע: ס'ציגעלע מיטן קעצעלע, מיטן הינטעלע, מיטן האָן און מיט די הינער.

ווערט שרהלע זייער פאַרשעמט און איז שטאַרק אין כעס אויפן ציגעלע: פע, דו ביזט אַ ציגעלע קאַפּיגעלע! אַהיים גיי, זאָג איך דיר, אַז ניט ווער איך מיט דיך ברוגז און איך וועל שוין מיט דיר ניט ריידן.

רופט זיך אָן ס'ציגעלע אַזוי: נאָר דו דאַרפסט גיין אין קינדערגאָרטן און איך ניט? איך וויל אויך גיין.

רופט זיך אָן די לערערן צו שרהלען: ס'ציגעלע איז טאַקע גערעכט. קומט אַלע אריין אין קלאַס.

גייט שרהלע מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע אַריין אין קלאַס. ווי די קינדערלאַך האָבן זיי נאָר דערזען, איז געוואָרן אַזאַ פריידי אויף זיי. זיי האָבן אָנגעהויבן פּלעסקען מיט די הענטלאַך, און געמאַכט אַ ראָד. ס'ציגעלע מיטן הינטעלע, מיטן קעצעלע, מיטן האָן און מיט די הינער האָבן אויך געמאַכט אַ ראָד און האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן און די קינדערלאַך האָבן אַזוי געזונגען:

ציגעלע, ציגעלע, אַרויס פון וויגעלע,
הייב ס'פּיסעלע, און טאַנץ אַביסעלע.
הינטעלע, הינטעלע, מיטן אויג אַ פינטעלע.
מיאַו! מיאַו! קעצעלע, קייקלט פּאַדים אַ קלעצעלע!

שרהלע מיט איר קעצעלע פוסי



רהלע גייט שוין טאַקע אין קינדער־גאָרטן און קעצעלע פוסי ניט.

איז אַזוי טרויעריק פוסי, ס׳בייַנקט אַזוי נאָך שרהלען.

ווי ס׳ווערט נאָר באַטאָג, שפּרינגט באַלד ס׳קעצעלע אַרויף אויפן פענצטער קוקט אין גאַס אַריין, וואַרט און וואַרט: שרהלע זאָל שוין קומען אַ היים.

גיט דער זייגער אַ שלאָג איינס און צוויי, לויפן אַרויס אַלע קינדערלאַך פון קינדערגאָרטן און לאָזן זיך אַ היים.

דערזעט פוסי, דורכן פענצטער ווי שרהלע גייט, שפּרינגט דאָס אַרויס אין גאַס אַריין און לויפט גלייך אַנטקעגן שרהלען.

איינמאָל איז נאָך געווען זייער פרי, אָבער פוסי ווייסט נאָך ניט אויפן זייגער, האָט זי געמיינט, אַז ס׳איז שוין זייער שפּעט. האָט גענומען ס׳קעצעלע און אַרויפ־געשפּרונגען אויפן פענצטער און געקוקט אין גאַס אַריין.

קוקט און קוקט אַ לאַנגע צייט, אָבער שרהלע איז נאָך ניטאָ. טראַכט פוסי אפשר איז שרהלע גאָר געשטאָרבן און וועט שוין מערער ניט קומען אַהיים.

אייביק, אייביק וועט פוסי שוין ניט זען שרהלען, וועט שוין ניט זיין ווער ס'זאָל איר געבן זיסע מילך מיט ברויט, ס'וועט שוין ניט זיין ווער, ס'זאָל זיך שפּילן מיט איר. וועט טאַקע זיין זייער שלעכט. צעוויינט זיך פוסי און מיאַוקעט אַזוי טרויעריק: מיאַו, מיאַו.

דערווייל גייט דורך הינטעלע ליגנער, זעט ער ווי ס'קעצעלע וויינט. פרעגט דאָס הינטעלע פוסי, פוסי, וואָס וויינסטו? מאַכט ס'קעצעלע: „אוי, אוי, שרהלע איז אוועקגעגאַנגען אין קינדערגאָרטן און איז נאָך אַהיים ניט געקומען, האָב איך מורא, אַז זי וועט שוין אייביק, אייביק ניט קומען. מיאַו, מיאַו — צעכליפּעט זיך נאָך שטאַרקער פוסי.

זאָגט הינטל ליגנער: וואָס זשע דאַרפסטו וויינען, ביזט דען אַ פּיצל קינד? ווייסטו וואָס? קום מיט מיר, וועלן מיר אָפּזוכן דיין שרהלען.

מאַכט פוסי: „דו ווייסט דען, וואו דער קינדער־גאָרטן איז?“ ענטפערט ס'הינטל און איז אַזוי גרויס באַ זיך: לאָז דיך, פוסי, שוין גאָר ניט אַרן, איך ווייס שוין יאָ וואו. איך לויף נאָך אַלע טאָג מיין דבורהלען, ווען זי גייט אין קינדערגאָרטן, אָבער מיין דבורהלע טרייבט מיך אָפּ, פאַרגינבע איך זיך און שוין.

דערפאַר ווייס איך טאַקע וואו.

מאַכט ס׳קעצעלע און זיפצט: גוט, לאָמיר גיין.
גייט אַזוי ס׳קעצעלע מיטן הינטעלע אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג ביז זיי קומען אָן צו אַ גרויסער שטוב מיט אַ גרינעם דאַך, מיט אַ סך פענצטער און אַ סך מיידעלאַך און אינגעלאַך לויפן דאָרט אום און שרייען.
מאַכט ס׳הינטעלע צו פוסין: „אָט דאָס איז דער קינדערגאָרטן און אַליין לויפט עס אַוועק, ווייל הינטעלע ליגנער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט היינט נאָך ניט געהאַוועקט אויפן קעלבל וואָס באַ זיי אין הויף, דאַרף מען לויפן און האַווקען.
דערווייל בלייבט פוסי אַזוי שטיין, קוקט און קוקט דערזעט עס אַן אָפענעם פענצטער, שפּרינגט פוסי אַרויף אויפן פענצטער; גיט עס אַ קוק: ווי, אַזוי פיל קינדערלאַך און שרהלע אויך. דערפרייט זיך ס׳קעצעלע און זאָגט אַזוי צו זיך אַליין: „אָט וועל איך זיך באַהאַלטן אונטער דער שאַפע און איך וועל וואַרטן ביז שרהלע וועט גיין אַ היים, וועל איך צולויפן צו איר.
טוט אַזוי פוסי, באַהאַלט זיך אונטער דער שאַפע און קוקט, און קוקט.
דערווייל איז געזעסן אַ מיידעלע: לעבן איר אויף דער ערד איז געלעגן אַ קניילכל ווייסע באַוול, האַלט ס׳מיידעלע אַ סך גרויסע נאָדלען, ציט ס׳קניילכל, מאַכט מיט די נאָדלען און שטריקט אַ זאָק, קאַטשעט זיך אַזוי ס׳קניילכל, קאַטשעט זיך און שפּרינגט אונטער.
מיינט פוסי, אַז דאָס שפּרינגט אַזוי אַ מייזעלע, ווערט פוסי אין כעס, גנבעט זיך אַזוי אונטער שטי-

לינקערהייט, שטרעקט אויס אַ לאַפּקע, גיט אַ כאַפּ ס'קניילכל און אַנטלויפט ווידער אונטער דער שאַפע.

הויבט אָן ס'מיידל צו שרייען: לערערן! אימיצער האָט צוגעכאַפּט בײַ מיר מײַן קניילכל.

קומט צעלויפן די לערערן, קומען צעלויפן אַלע קינדערלאַך און מ'הויבט אָן זוכן ס'קניילכל. פּלוצלינג דערהערט מען, ווי עמיצער פּאַרקעט זיך אונטער דער שאַפע. גייט מען צו אַזוי שטילערהייט, מ'רוקט אָפּ פּאַ־וואַלינקע די שאַפע.

וואָס מיינט איר? אודאי, ס'קעצעלע שלאָגט זיך דאָרטן מיטן קניילכל.

צעלאַכן זיך אַלע קינדערלאַך. פרעגט די לערערן: קעצעלע, קעצעלע, וועמעס ביסטו? ענטפערט ס'קעצע־לע און וויל זיך שוין צעוויינען: שרהלעס בין איך. צעלאַכן זיך ווידער די קינדערלאַך און שרהלע ווערט שטאַרק פאַרשעמט.

פרעגט די לערערן ווידער: ווי אַזוי זשע, קע־צעלע, ביזטו געקומען אַהער? דערציילט פוסי די גאַנצע מעשה.

האָבן די קינדערלאַך אויסגעהערט, אויסגעהערט און געהאַט גרויס רחמנות. שרהלע האָט געגלעט ס'קעצעלע און האָט איר צוגעזאָגט מיטנעמען אַלע טאָג.

פון דאַמאָלסט אָן גייט שרהלע מיט פוסין אַלע טאָג אין קינדערגאָרטן.

ס׳הינטעלע מיטן קעצל

זיצט זיך אַזוי די לערערן באַם טיש און דערציילט אַ מעשהלע און די קינדערלאַך הערן צו. זיי זיצן אַלע אויף די ביינקעלאַך, זייערע קעפּעלאַך אָנגעשפּאַרט אויף זייערע הענטעלאַך און הערן:

„ווייט, ווייט, גאָר ווייט הייגנט אַ גרויסע שטוב אין דער לופטן. די שטוב איז געמאַכט געוואָרן פון ווייסן, ווייסן שטיין. וואוינען אין דער שטוב הונדערט מלאכימלאַך אין זייערע הונדערט צימערלאַך“.

פלוצלינג הערט אויף די לערערן צו דערציילן, ווייל ס׳דערהערט זיך עפּעס, ווי עמיצער שקראַבעט די טיר. דערשרעקן זיך אַלע קינדערלאַך, זיצן זיי אַזוי אַלע פאַר־האַלטנדיק דעם אָטעם און מ׳הערט און ס׳דאַכט זיך זיי אויס, פונקט ווי אַ מייזל וואָלט זיך דאָרט געשקראַבעט. רופט זיך אָן די לערערן צו דבורהלען: אַ נו, גיי נאָר עפן די טיר און זע ווער איז דאָרטן? רופט זיך אָן דבורהלע אַ דערשראָקענע: איך האָב מורא, און וויל זיך שוין צעוויינען.

וויל שוין די לערערן אַליין גיין עפענען די טיר, שטייט אויף שרהלע אַזוי שטאָלץ באַ זיך און זאָגט: לערערן, איך וועל גיין עפענען די טיר. איך האָב טאַקע ניט קיין מורא.

גייט שרהלע צו דער טיר אַזוי שטיל, שטיל, אויף די שפּיץ-פינגער. אַלע קינדערלאַך קוקן איר נאָך און האָבן אַזוי מורא....

שטייט שוין שרהלע באַ דער טיר און עפנט זי אויף אַזוי פּאַמעלאַך, פּאַמעלאַך. מ'גיט אַ קוק און מ'האָט גאָר דערזען... טרעפט ווער מען? אודאי ס'הינטעלע מאַפּסיק. ס'איז זיך געשטאַנען אויף די הינטערשטע פיסעלאַך און האָט זיך פאַרנייגט פאַרן גאַנצן קלאַס און זאָגט: אַ גוט-מאָרגן דיר, לערערן, אַ גוט-מאָרגן איך, קינדערלאַך, אַ גוט-מאָרגן דעם גאַנצן קלאַס. צעלאַכן זיך אַלע קינדערלאַך, ווערט ס'הינטעלע פאַרשעמט און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. די ליפּן באַ אים ציטערן און אָט אָט וועט זיך עס צעוויינען.

האָט די לערערן באַקומען גרויס רחמנות אויפן הינטעלע און זאָגט צו אים: שאַ, מאַפּסיק, ניט וויין. קום אַהער צו מיר. גייט מאַפּסיק צו מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. פרעגט די לערערן: וואָס ווילסטו, מאַפּסיק? זאָגט מאַפּסיק: איך וויל זיך אויך לערנען. צעלאַכן זיך ווידער אַלע קינדערלאַך. ווערט שוין מאַפּסיק ברוגז, וואָס מע לאַכט און גיט אַ האַווקע, האַוו, האַוו. וואָס מיינט איהר זיך עפּעס? אַז נאָר איר דאַרפט לערנען און ווייטער שוין קיינער ניט?

רופט זיך אָן די לערערן:

קינדערלאַך, הערט אויף צו לאַכן, און דו, מאַפּסיק, קום אַהער צום טיש, איך וועל דיך פאַרשרייבן. גייט צו מאַפּסיק צום טיש.

פרעגט די לערערן: וואָס איז דיין נאָמען?

ענטפערט ס׳הינטעלע: מאַפּסיק.

וויפל יאָר ביזטו אַלט?

ענטפערט עס: אַ יאָר מיט אַ האַלבן.

אויף וועלכער גאַס וואוינסטו? פרעגט ווייטער די לערערן. זאָגט עס: אויף פיטקין עוועניו.

ווי אַזוי איז דער נומער פונם הויז?

ווייסט ניט ס׳הינטעלע אַ וואָסער נומער, לאָזט עס אַראָפּ דעם קאָפּ און וויל שוין ווייטער אָנהויבן צו וויי-נען.

זאָגט די לערערן: נו, שאַ, שאַ, וועט שוין זיין אָן אַ נומער. זעץ זיך, מאַפּסיק, אָט דאָ אָ. זעצט זיך מאַפּסיק אַנידער, שפּאַרט אויך אָן זיין קעפּעלע אויף זיין פיסעלע און הערט זיך איין, וואָס די לערערן דער-ציילט. דערציילט די לערערן ווייטער ס׳מעשהלע.

„זיינען די מלאכימלאַך בלויאינקע, בלויאינקע. האָבן זיי פליגעלאַך ווייסינקע. זיינען די פלי-געלאַך פון אַזאַ דינעם זייד געמאַכט. זיינען זיי אַזוינע דינינקע, דינינקע״... פלוצלינג גיט אַ קוק מאַפּסיק, ווי אויפן פענצטער גנבעט זיך עמיצער. טראַכט עס באַ זיך אַליין, ווער קען דאָס זיין? מ׳דאַרף אַ קוק טאָן. האָט ס׳הינטעלע שוין פאַרגעסן אָן דער מעשהלע, ס׳האָט אויס-

געצויגן די אויערלאַך און גוט זיך איינגעקוקט אין פּענצ־טער. ס'גיט אַ קוק און האָט דערזען... טרעפט וועמען? אודאי ס'קעצעלע, מורטשיק.

ס'קעצעלע מורטשיק, האָט ווי עס ווייזט אויס זיך אויך געוואָלט פאַרשרייבן אין קינדערגאָרטן. וואָס זשע האָט'ס געטאָן? איז עס אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ דאַך, פונם דאַך איז'ס אַרויפגעשפּרונגען אויפן פענצטער פון דער שול און וויל זיך שיין לאָזן אַראָפּשפּרינגען אין קלאַס אַריין. ערשט ס'גיט אַ קוק: ס'הינטעלע מאַפּסיק, וואָס מורטשיק האָט אַזוי פיינט און וואָס איז גאָר מיט אים ברוגז, זיצט אויך אין קלאַס. אַז ס'קעצעלע האָט דאָס דערזען האָט זיך עס איינגעקאָרטשעט, אַרויסגעלאָזט די שאַרפע נעגל און זיך אָנגעהויבן אָפּרוקן אויף צוריק צו־וועגס. נאָר מאַפּסיק האָט שוין ניט געקענט איינזיצן

אויף אַן אָרט. ס'איז געוואָרן אַזוי בייז: אַזאַ מין קע־צעלע קלעצעלע און קריכט אויך אין שול! האָט עס געגעבן אַ שפּרונג צום פענצטער: און האַוו, האַוו גלייך אויפן קעצעלע. די קינדערלאַך? אַז זיי האָבן דער־זען, ווער דאָס איז, זיינען זיי אַלע אַראָפּגעלאָפן פון די ביינקלאַך צום פענצטער אַ קוק טאָן: ווי ס'הינטעלע פּאַטשט זיך מיטן קעצעלע און וויל עס אַ ביס טאָן, נאָר ס'קעצעלע לאָזט זיך ניט, עס שטרעקט אויס אַ פיסעלע און וויל נאָר אַ גראַבל טאָן דעם הינ־טעלע, ווערט מאַפסיק נאָך מערער אין כעס: אַזאַ מין קעצעלע און ס'גייט זיך נאָך גראַבלען. האַוו, האַוו, מור־טשיק־קאַפּורטשיק! שרייט עס. די לערערן איז אָבער צוגעקומען און האָט אַוועקגעטריבן ס'הינטעלע. מור־טשיקן האָט זי אָנגענומען באַ אַ פיסעלע און האָט עס אַריינגעפירט אין קלאַס אַריין. די לערערן האָט אויך פאַרשריבן דעם קעצעלעס נאָמען און וויפל ס'איז אַלט און אויף אַ וואָסער גאָס ס'וואוינט און געהייסן זיך אָני־דערזעצן. מאַפסיקן האָט זי געזאָגט:

פע, איך האָב דיך ניט ליב. גיי, שטעל זיך אין אַ ווינקעלע דערפאַר. צען מינוט זאָלסטו מיר שטיין.

האָט זיך מאַפסיק צעוויינט און זיך אַנידערגע־שטעלט אין אַ ווינקעלע.

די לערערן האָט ווייטער אָנגעהויבן צו דערציילן איר מעשהלע.

וואָס זי האָט דערציילט, וועל איך אייך, קינדער־לאַך, אַן אַנדערש מאָל איבערגעבן.

ציגעלע מיגעלע

הערט קינדערלאך אזא מעשה: געווען אמאל א ציגעלע, אוי, א שיינס. די קינדערלאך: יענקעלע, משהלע, שרהלע, דבורהלע, האבן עס אזוי ליב געהאט, שטארק ליב געהאט.

און ווי אזוי האט מען דאס נים געקענט ליב האבן, אז דאס ציגעלע איז געווען אינגאנצן ווייס, טאקע נאר ווי שניי. ס'האט געהאט פיר דינינקע פיסעלאך, ווי דינע שטרויעלאך, און גערופן האט מען דאס: ציגעלע-מיגעלע, אינגעלע-קלינגעלע. נאר דערפאר איז דאס געווען א שטיפער, די גאנצע שטוב פלעגט'ס איבערקערן.

פלעגן די קינדערלאך זיך אננעמען בא די הענטלאך, מאכן א ראד ארום ציגעלע און זיך רייצן מיט דעם:

ציגעלע-קאפיגעלע,
דאמען דריגעלע,
אישטאניגעלע,
משה פסיגעלע.

מיינט איר, אז דאס ציגעלע איז אראפגעפאלן בא

זיך ? ניין, ס'הייבט זיך אפילו ניט אָן. ס'האָט אויך אָנגעהויבן צו שפּרינגען, גלייך די קינדערלאַך און פּנים אַריין און האָט זיך אויך געדרייצט מיט זיי :

קינדערלאַך, קאַפּינדערלאַך,
דאמען דרינגעלאַך,
אישטאגינדעלאַך
משה פּסינדעלאַך.

איינמאָל זיינען די קינדערלאַך : יענקעלע, משהלע, שרהלע, דבורהלע אַוועקגעגאַנגען אין קינדערגאָרטן זיך לערנען. דאָס ציגעלע־מיגעלע האָט מען געלאָזט איינעם אַליין אין זייער צימערל.

אין דעם צימערל זיינען געשטאַנען פיר ווייסע טישעלאַך מיט פיר בלויע בענקעלאַך. פיר ווייסע בעטלאַך און אויף די בעטעלאַך פיר רויטע קאָלדרעלאַך. און לעבן די בעטעלאַך איז געשטאַנען אַ וויגעלע פאַרן ציגעלע.

וואָס זשע טוט דאָס ציגעלע ? שפּרינגט'ס פון איין בעטעלע צום אַנדערן, צעוואָרפט די קישעלאַך, קייט מיט זיינע ציינדעלאַך די רויטע קאָלדרעלאַך, צעשלעפּט זיי אַלע אַראָפּ אויף דער ערד, קאַטשעט זיך אין זיי און מעקעט : מע, מע !

אינמיטן דרינען איז דעם ציגעלע נמאס געוואָרן זיך שפּילן, איז'ס אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ בענקעלע פונם בענקעלע אויף אַ טישעלע. זעצט זיך עס דאָרט אַנידער, שפּאַרט אָן זיין קעפּעלע אויף די פעדערשטע פיסלאַך און פאַרטראַכט זיך :

— פע, זיי זיינען טאַקע קינדערלאַך־קאַפּינדערלאַך, פאַרוואָס האָבן זיי מיך געלאָזט אַליין אין צימערל און האָבן מיך ניט מיטגענומען אין קינדער־גאָרטן? איך האָב זיך ניט מיט וועמען צו שפּילן. זיצט זיך׳ס אַזוי ס׳ציגעלע, און זאָרגט זיך.

פלוצלינג דערזעט׳ס דורכ׳ן אָפענעם פענצטער, ווי ס׳פאָרט אַ וואָגן און ס׳זיצט דאָרט אַ גוי מיט אַ בייטש אין האַנט. טראַכט דאָס ציגעלע צו זיך אַליין. אַנו, לאָמיך, זיך טאַקע אַביסל דורכפאָרן אין וואָגן.

געטראַכט און געטאָן.

האָט ס׳ציגעלע געגעבן אַ שפּרונג פונם טישעלע צום פענצטער, פונם פענצטער גלייך אין וואָגן אַריין און שוין. ס׳ציגעלע־מיגעלע זיצט זיך אין וואָגן און דער גוי ווייסט איפלו ניט פון דעם.

זיצט זיך אַזוי ס׳ציגעלע אין וואָגן און קוקט זיך אַרום און איז זייער פריילאַך.

פלוצלינג דערזעט׳ס אויף דער גאַס אַ גרויסן שוואַרצן הונט. הייבט אָן ס׳ציגעלע זיך צו רייצן מיטן הונט: הונט־קאַפּונט, שוואַרצע טינט. דו ביזט טאַקע אַ בייזער, דו ביזט טאַקע אַ שלעכטער.

ווערט דער הונט שטאַרק אין כעס אויפ׳ן ציגעלע.

כ׳האָב ניט מורא פאַר קיין זאַך.

איז אַ שלעכטער און אַ בייזער! הייבט דער הונט אָן נאָכצולויפן נאָכן וואָגן, האַוקעט אַזוי שטאַרק און וויל ס׳ציגעלע נאָר צערייסן.

הערט דער גוי, ווי אַ הונט האַוקעט. וואָס־זשע

טוט ער? קערט ער זיך אום צום הונט, נעמט די בייטש און גיט אים אַ פּאַך, איינס, און צוויי, און דריי, אַז דער הונט האָט אַ קוויטשע געטאָן און גענומען אַנט־לויפן. אוי, איז ער אַנטלאָפן! און ס׳ציגעלע לאַכט, ס׳האַלט זיך אַזש באַ די זייטן.

פאָרט ס׳ציגעלע ווייטער.

פאָרן זיי און פאָרן. דערזעט ס׳ציגעלע־מיגעלע אַ גרויסן וואַלד מיט אַ סך אַזוינע גרינעביימער, טראַכט זיך ס׳ציגעלע: מע דאַרף זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן אין וואַלד. ניט לאַנג געטראַכט גיט ס׳ציגעלע אַ שפּרונג אַראָפּ פונם וואָגן גלייך אין וואַלד אַריין.

גייט זיך ס׳ציגעלע אין וואַלד גייט׳ס אַזוי שטאָלץ באַ זיך, זינגט זיך אַ לידעלע:

אין גרינעם וואַלד
איז אַ מחיה קאַלט,
ביימער פיל, גראָז אַ סך —
כ׳האָב ניט מורא פאַר קיין שום זאַך.

דערווייל איז זיך אַ האָז געשטאַנען באַ אַ בוים און האָט געטראַכט: וואו נעמט מען איצט אַ גוטן איבערבייסן? פּלוצלינג הערט דער האָז, ווי עמיצער זינגט פון דערווייטנס, ווי עמיצער אַ ווייסער גייט. אַ האָז האָט דאָך שטענדיק נאָר מורא, האָט ער געמיינט אַז אַ ווייסער וואָלף גייט אים אויפעסן. האָט ער אויפ־געהויבן זיינע פיס און גענומען אַנטלויפן.

דאָס ציגעלע צעלאַכט זיך און זינגט:

דו נאַרישער האָז, נאַרישער האָז,
לאַנגע אויערן און קורצע נאָז.

און גייט זיך אַזוי ווייטער און ווייטער.

פלוצלינג ווערט דאָס ציגעלע הונגעריק. טראַכט׳ס צו זיך: אָט וועל איך טאַקע גיין אַ היים, וועלן מיר טאַקע די קינדערלאַך געבן מילך מיט ברויט, וועל איך עסן.

ווייל ס׳ציגעלע גיין אַ היים. גיט׳ס אַ קוק — ס׳איז גאַר פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן און ווייס ניט וואוהין צו גיין. האָט זיך ס׳ציגעלע אַזוי דערשראָקן. זעצט זיכ׳ס אַנידער לעבן אַ בוים און וויינט: אוי, יענקעלע, אוי משהלע, אוי שרהלע, אוי דבורהלע — וואו זיינט איר? איך בין אַזוי הונגעריק!

און דאָס ציגעלע וויינט און וויינט...

דערווייל זיינען משהלע, יאַנקעלע, שרהלע און דבורהלע געקומען אַ היים. גיבן זיי אַ קוק: ווי! ס׳ציגעלע־מיגעלע איז ניטאָ. וואָס זשע האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן זיך געזעצט אויף זייערע בעטלאַך און האָבן אָנגעהויבן צו וויינען: אוי טייער ציגעלע, אוי וואויל מיגעלע, וואו ביסטו? וואו ביסטו?

פלוצלינג שטייט אויף יאַנקעלע און רופט זיך אָן צו אַלע קינדערלאַך: מע דאַרף ניט וויינען, שאַ, ווייסט איר גאַר וואָס? לאָמיר גיין אין וואַלד אַריין עס זוכן.

— אוי, גוט, — רופן זיך אָן אַלע קינדערלאַך.

שטייען זיי אויף פון זייערע בעטלאַך, טוען אָן

זייערע רעקעלאַך, נעמען אין די הענט לאַנגע שטעקע־לאַך און גייען אין וואַלד אַריין.

גייען אַזוי די קינדערלאַך, גייען און גייען. פּלוצ־לינג הערן זיי ווי עמיצער וויינט. רופט זיך אָן יאַנ־קעלע צו זיי אַלע : ש־ש־ש, קינדערלאַך, לאָמיר גיין שטיל, שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, וועלן מיר זען ווער עס איז.

גייען זיי אַזוי צו שטיל, שטיל. האָבן זיי דערזען — טרעפט וועמען ? אודאי ס׳ציגעלע־מיגעלע.

האָבן די קינדערלאַך אַהיים גענומען ס׳ציגעלע, דאָס גוט אָנגעפּלעצלט :

„אַ לייטיש קינד טאָר ניט אַנטלויפן אַליין אין וואַלד, מע טאָר ניט, מע טאָר ניט.“

דערנאָך האָט מען דעם ציגעלע געגעבן עסן מילך מיט ברויט, אויסגעבעט אַ געלעגער אין וויגעלע, גע־לייגט ס׳ציגעלע שלאָפן, צוגעוויגט ס׳וויגעלע און געזונ־גען :

האַ, האַ, האַ, ליו־ליו־ליו.
שלאָף זשע שטיפער איינער.
רו־זשע אויס די ביינער.
מע טאָר ניט גיין אין וואַלד,
דער וואָלף וועט דיך אויפעסן באַלד.

שרהלע, משהלע, יאַנקעלע און באָרזיק

שרהלע איז משהלעס שוועסטערל. איז משהלע אַ שטאַרקער און שרהלע ניט. גייט משהלע אין שול אַריין און שרהלע אין קינדערגאָרטן. אַז משהלע גייט אין שול אַריין, האָט ער ניט מורא, ווייל ער איז אַ געזונטער און שטאַרקער, טשעפּעט אים קיינער ניט. גייט אָבער שרהלע אין קינדערגאָרטן, האָט זי שוין יאָ מורא, ווייל אויפן וועג טשעפּעט מען זיך צו איר. און ווער, מיינט איר, טשעפּעט זיך צי איר? — יאַנקעלע און זיין הינטעלע באָרזיק.

יאַנקעלע איז אַ ווילדער, און זיין הינטל באָרזיק נאָך אַ ווילדערער. גאַנץ פרי שטייען זיי ביידע באַם פענצטער און קוקן אַרויס, אַז שרהלע זאָל דורכגיין, שטייען זיי און קוקן לאַנג, ביז וואַנען מ׳דערזעט זי. אַזוי באַלד לויפן זיי אַרויס און גלייך צו שרהלען. יאַנקעלע וויל, אַז שרהלע זאָל אים אָוועקגעבן איר שערעלע, וואָס שערט אויס אַלערליי מענטשעלאַך, פערדעלאַך, הינטעלאַך, פון רויט און געל פּאַפּיר, אין קינדערגאָרטן. באָר־

זיך כאַפּט אָן איר ווייס פאַרטוכל און וויל דאָס בשום אופן ניט אַרויסלאָזן פון זיינע ציין. טענהט צו אים שרהלע: „באַרזיק, לאָז אַרויס מיין פאַרטוכל, די לע־רערן וועט נאָך זיין ברוגז, אַז איך וועל קומען אין קינדערגאַרטן מיט אַ צעריסן פאַרטוכל". באַרזיק אָבער הערט זי ניט, לאַכט נאָר און טוט זיך זיינס.

„באַרזיק, איך וועל דערציילן מיין ברודערל משה־לען, וועט ער דיך כאַפּן און דיר אָנדרייען די אויערן", — שרעקט אים שרהלע.

רופט זיך אָן באַרזיק: „אַזוי! ווער האָט דען מורא פאַר דיין ברודערל משהלען? איך בין טאַקע געזינטער פון אים און איך קען אים צוליינן".

זאָגט שרהלע:

— מיין ברודערל משהלע האָט טאַקע אַ פייפע־לע, און דו האָסט ניט קיין פייפעלע. אַז ער טוט אַ פייף, קען מען טויב ווערן.

זאָגט באַרזיק:

— אָ וואָ, איך קען טאַקע אַראָפּשפּרינגען פונם גרויסן טיש, און משהלע קען דאָס ניט.

זאָגט שרהלע:

— מיין ברודערל משהלע האָט טאַקע אַ ביקס, וועט ער דיך שיסן.

מאַכט אַזוי באַרזיק:

— און איך האָב טאַקע הונדערט ביקסן. (דאָס האָט ער שוין געזאָגט אַ ליגן, ער האָט אפילו ניט גע־האָט קיין האַלבע ביקס).

יאנקל דער שאלטעק שטייט זיך די גאנצע צייט בא דער זייט און לאכט. פארדריסט דאס שרהלען, און זי רופט זיך אן צו אים, זייענדיק שטארק אין כעס:

— פע, דו ביזט א פאסקודנער אינגל. איך וועל שטענדיק מיט דיר זיין ברוגז, און איך וועל אויך הייסן אלע קינדער, זיי זאלן מיט דיר זיין ברוגז; דו ביזט א יאנקל־קאפאנקל.

מאכט יאנקעלע:

— און דו ביזט א שרה־קאפארע.

פארדריסט דאס נאך מער שרהלען, און זי הייבט אן צו וויינען.

דערזעט בארזיק, אז שרהלע וויינט, אנטלויפט ער אהיים. דערהערט יאנקעלע, אז בארזיק אנטלויפט, אנטלויפט ער אויך. וויינט זיך גוט אויס שרהלע און קומט אין קינדערגארטן מיט פארוויינטע אויגן.

טרעפט זיך איינמאל, אז שרהלע איז געגאנגען א היים פון קינדערגארטן מיט א גרויסע פרייד. וואס איז די מעשה? זי אליין, מיט אירע אייגענע הענט, האט צענויפגעקלעפט פון פאפיר א קליין שטיבעלע, אזא מין פיינס, אזא מין שיינס, טאקע ווי אן אמתדיק שטי־בעלע מיט פיר קליינע פענצטער פון גרין פאפיר, מיט א טירל פון רויט פאפיר, מיט א קוימען פון ווייס פאפיר, און פונם קוימען גייט א רויך. זי וועט ווייזן דאס שטיבל איר ברודערל און וועט דאס אים אוועקשיינקען אויף איין טאג.

איז אזוי ווי זי גייט, איז פלוצלינג: „האוו, האוו,

שרהלע־קאַפּאָרעלע״. ווער איז דאָס ? אודאי יאַנקעלע מיט זיין הינטעלע באַרזיק. פאַרגעסט שרהלע, אַז יאַנ־קעלע איז אַ שלעכטער אינגל און באַרזיק איז אַ קאַ־פּאַרזיק. באַרימט זי זיך פאַר זיי, ווי שיין זי האָט אויסגעשניטן דאָס שטיבעלע, טאַקע איינע אַליין, מיט אירע הענט, און די לערערן האָט איר אפילו אויף קיין ברעקעלע ניט געהאָלפן.

זאָגט באַרזיק :

— אַ טייערע מציאה. יאַנקעלע קען טאַקע אויס־שניידן אַ מיליאָן טויזנט הונדערט מאָל אַזוינע שטיבעלאַך, און נאָך בעסערע, אָט פון דעם. — און דערווייל גיט ער אַ שפּרונג אונטער און — צאַפּ ! אַרויסגעכאַפּט בײַ שרהלען איר שטיבעלע און אַנטלאָפן מיט יאַנקעלען צו זיי אַהיים.

וואָס־זשע האָט שרהלע געטאָן ? זי האָט זיך אַני־דערגעזעצט אויף דער ערד און אָנגעהויבן צו וויינען.

דערווייל איז משהלע אַהיימגעקומען פון דער שול, זעט ער, אַז שרהלע איז גאָר ניטאָ. וואַרט ער אויף איר איין שעה, וואַרט צוויי שעה, שרהלע איז נאָך אַלץ ני־טאָ. טראַכט ער בײַ זיך : „לאָמיך נאָר גיין אין גאַס אַריין, אַ קוק טאָן, וואו שרהלע איז״.

גייט ער אין גאַס, טוט אַ קוק : שרהלע זיצט גאָר און וויינט. פרעגט ער זי : „שרהלע, וואָס וויינ־סטו ?״, דערציילט זי אים די גאַנצע מעשה. ווערט משה׳לע אין כעס אויף יאַנקעלען און באַרזיקן, נעמט זיין

ביקס, לייגט אַריין זיין פייפל אין מויל און גייט אַוועק מיט שרהלען צו יאַנקעלען אַהיים.

דערווייל זיינען יאַנקל מיט באָרזיקן געזעסן אויף דער ערד און געקריגט זיך איבערן שטיבעלע. יאַנקעלע האָט געזאָגט, אַז ער וועט היינטיקע נאַכט שלאָפן אין שטיבעלע: באָרזיק האָט געטענהט, אַז ער האָט דאָך אַרויסגעכאַפּט באַ שרהלען דאָס שטיבעלע, קומט אים צו שלאָפן די ערשטע נאַכט. פּלוצלינג, אַזוי ווי זיי קריגן זיך, הערן זיי אַ שרעקלאַכן פייף. קוקן זיי זיך אַרום: שטייט משהלע מיט אַ ביקס אין די הענט און פייפט מיט זיין פייפעלע אַזוי בייז. האָבן זיך יאַנקעלע מיט באָרזיקן שטאַרק דערשראָקן און זיינען אַנטלאָפן אונטערן בעט זיך באַהאַלטן. דאָס שטיבעלע האָבן זיי פאַרגעסן אויף דער ערד.

לויפט צו שרהלע און כאַפּט איר שטיבעלע אין וויל שוין גיין מיט איר ברודערל אַהיים. וויל ניט משה־לע אַהיים גיין, ער וויל נאָר אָפּזוכן אָט דעם יאַנקל־קאַפּאַנקל און באָרזיק־קאַפּאָרזיק. ער וויל זיי אָפּזוכן און זיי דערשיסן, אַז זיי זאָלן דאָס צווייטע מאָל שוין מורא האָבן אַ טשעפּע־טאָן שרהלען. אָבער ער האָט זיי גע־זוכט, געזוכט און ניט געקענט געפינען. זיינען משהלע מיט שרהלען געגאַנגען אַהיים, געגעסן אָנבייסן און זיך זייער געפרייט.

צוויי אַרמיען

בערעלע האָט געפייפט אין אַ פלוימען קערעלע און יאַנקעלע האָט געקלאַפּט אין אַ פייקעלע.

די ביידע זיינען געגאַנגען צו אַלעם ערשטן, נאָך זיי זיינען געגאַנגען אַזוי פיל קינדערלאַך, אפשר טויזנט־מיליאָן הונדערט קינדערלאַך: משהלע, שרהלע, חיימל, דבורהלע, לייבעלע, חנהלע, אהרעלע, פרומעלע, פייגעלע, שמואליקל, בענעלע, מרימל און נאָך, און נאָך אַזוי פיל קינדערלאַך. איז די גאַנצע חברה געגאַנגען פּאַרוויז, טאַקע ווי אמתע סאָלדאַטן: איינס, צוויי, דריי; איינס, צוויי דריי; זיי האָבן געזונגען אַזאַ שיין לידל. הערט אומיסטן וואָס זיי האָבן געזונגען:

אינגעלאַך אין די רעקעלאַך
האָבן רויטע בעקעלאַך,
און די מיידעלאַך,
ווייסינקע קליידעלאַך.
די גלעקלאַך קלינגען,
אַלע קינדער זינגען
איינס, צוויי, דריי.

אַזוי זיינען אַלע קינדערלאַך געגאַנגען גלייך אין הויף אַריין.

ווער זשע איז געווען אין הויף?

אודאי דער האָן מיט די הינער, מיט די גענדז, מיט די ענדיקעס, מיטן קעצעלע, מיטן ציגעלע, מיטן הינטעלע.

דער האָן איז זיך אַרומגעגאַנגען איבערן הויף ווי אַ גאַנצער בעל הבית און האָט אַכטונג געגעבן אויף די הינער זיי זאָלן זיך פירן לייטיש.

די גענדז האָבן געפּאַטשט מיט זייערע פליגלען און האָבן געגאַגעט: גאַ, גאַ, גאַ, גאַ.

ס'הינטעלע, קאַפּינטעלע, האָט ניט גערוט. אָט, איז'ס נאָכגעלאָפן דעם האָן, אָט האָט'ס איבערגעשראָקן די הי־נער און איז אָנגעפאַלן אויפן ענדיק און האָט אים צעלייגט אויף דער ערד.

ס'ציגעלע האָט זיך געשפּילט מיטן קעצעלע. זיי האָבן זיך געשפּילט אין כאַפּערלאַך: ס'ציגעלע איז גע־לאָפן און געלאָפן, און ס'קעצעלע איז נאָכגעלאָפן און נאָכגעלאָפן.

איז אַזוי אינמיטן, פּלוצלינג דערזען זיי ווי ס'גייען אַזוי פיל קינדערלאַך און ווי זיי קלינגען מיט די גלעקלאַך און זינגען לידעלאַך. האָבן זיי אַלע אַזוי זיך דערשראָקן: די הינער האָבן געחלשט, דער האָן איז אַרויף אויפן פּלויט, די גענדז האָבן געגעבן אַ פלי אויפן דאַך, די ענדיקעס זיינען אַריינגעלאָפן אין קיך. ס'ציגע־

לע איז אַנטלאָפן אין שטוב אַריין און האָט זיך באַ־האַלטן אונטערן בעט, און ס׳קעצעלע מיטן הינטעלע זיינען אַרויף אויפן בוידעם.

אַז די קינדערלאַך האָבן דערזען ווי מע האָט זיך פאַר זיי דערשראָקן, האָבן זיי אַזוי אָנגעהויבן צו לאַכן, זיי האָבן זיך אַזש געהאַלטן באַ די זייטן. גייען אַזוי אַלע קינדערלאַך איבערן הויף, פונם הויף אין גאַס אַריין, איינס, צוויי, דריי.

שפּרינגט אַראָפּ דער האָן פונם פּלויט, גיט אַ פּאַטש מיט די פליגל און שרייט אויס: קו־קו־רי־קו: נאַרישע ענדיקעס, נאַרישע גענדז, הינער־קאַפּינער, הינטל־קאַפּינטל; קעצעלע־קלעצעלע; ציגעלע־מע, וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן? פע, שעמען מעגט איר זיך. איר זענט פיצאַלאַך קינדערלאַך, צו וואָס? איר ווייסט דען ניט ווער ס׳האָט געזונגען און געקלונגען? ס׳איז דאָך זיי, אונדזערע קינדערלאַך. נאָר ווייסט איר גאָר וואָס? דערפאַר וועלן מיר זיי אויך איבערשרעקן. אַנו, גענדז־קאַפּענדז, שטעלט אייך אויס אין צווייען, און איר הי־נער, וואָס שטייט איר? און איר ענדיקעס, וואָס בלאָזט איר זיך? און דו ציגעלע, וואָס מעקעסטו? און דו קעצעלע־קלעצעלע, און דו הינטעלע גנב, אַלע, אַלע, שטעלט אייך אין צווייען, איך וועל גיין צו אַלעם ערשטן.

— נו, רירט זיך, — גיט אַ געשריי דער האָן. — גייען מיר: איינס, צוויי, דריי; איינס, צוויי, דריי.

זיינען זיי אַלע אַרויסגעגאַנגען פונם הויף און זיך

געלאָזט גיין אין גאַס אַריין.

גייען זיי אַזוי און גייען. ביז זיי האָבן דערזען ווי די קינדערלאַך גייען זיך אויך און זינגען לידלאַך. רופט זיך אָן דער האָן צו זיין קאָמפּאַניע: אַ נו, לאָמיר אָנהויבן צו שרייען אַלע אינאיינעם, וועלן זיך די קינדערלאַך דערשרעקן.

אַז די קאָמפּאַניע האָט זיך צעשריען, וויי, האָבן זיי זיך צעשריען: די הינער האָבן זיך צעקוואָקעט, די גענדז האָבן זיך צעגאַ־גאַ־ט, די ענדיקעס צעהאָלדערט: האָלדער, האָלדער; ס׳קעצעלע האָט זיך צעמיאַקעט, ס׳ציגעלע צעמעקעט, און העכער פון אַלע האָט דער האָן זיך צעקרייט: קו־קו־קו־רי־קו!

איז אַז די קינדערלאַך האָבן דערהערט אַזאַ געוואַלט, האָבן זיי זיך אַזוי שטאַרק דערשראָקן און זיי האָבן אָנגעהויבן צו שרייען איינס צום אַנדערן: אוי, לאָמיר אַנטלויפן, לאָמיר זיך באַהאַלטן!

צעלאַכט זיך דער האָן, צעלאַכן זיך די הינער, צעלאַכן זיך די גענדז, צעלאַכן זיך אַלע.

גיבן די קינדערלאַך אַ קוק ס׳איז גאָר דער האָן מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע. האָבן זיך די קינדערלאַך אויך צעלאַכט און האָבן געזאָגט אַזוי: דערפאַר וואָס דער האָן איז אַזאַ קלוגער, וועט ער זיין אונדזער עלצטער און וועט גיין צום אַלעם ערשטן און מיר וועלן גיין נאָך אים.

גייט דער האָן צו אַלע ערשטן, אַזוי גרויס באַ זיך, נאָך אים בערעלע מיטן פּלוימען קערעלע, יאַנקע־

א.גודל

לע מיטן פּיקעלע; נאָך זיי אַלע קינדערלאַך און נאָך
די קינדערלאַך די הינער, די געגדז, די ענדיקעס, הינטל,
ציגעלע, קעצעלע און זיי זינגען אַלע אזא לידעלע:

איינס, צוויי, דריי,
שאָקל, שאָקל ביי.
צוויי, דריי, פיר,
פיל סאָלדאַטן זיינען מיר.
דער האָן איז אַ חכם,
הייסן וועט ער נחום.
רב נחום דער האָן
וויל עסן מאָן.
האָט ער ניט קיין מאָן,
ברוגז ווערט דער האָן.
גייט ער צום ערשטן
מלחמה האַלטן מיט גערשטן.
וועט ער האָבן גערשטן אַ סך,
וועט ער ווערן זייער רייך.
וועט ער זיך מיט יעדן טיילן,
קיינעם וועט ער ניט פאַרפעלן.

דער האָן וויל ניט לײדן



גאַנץ פרי פאַרטאָג, ווען שרהלע איז נאָך געשלאָפן אין איר בעטעלע, און ס'ציגעלע אין וויגעלע, איז געלעגן און געטראַכט, און ס'קעצעלע אויף שרהלעס בעטעלע איז געלעגן און געמורמלט, און ס'הינטעלע לעבן בעטעלע אויף דער ערד איז געלעגן און האָט געשנאָרכט מיטן נעזעלע, איז שוין דער האָן ניט געשלאָפן. ער איז אומגעגאַנגען איבערן הויף הין און צוריק, הין און צוריק און האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן. פלוצלינג האָט דער האָן דערזען, ווי די זון איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיק הימל און ער האָט גאָר פאַרגעסן צו קרייען: קוקוריקו, איז דער האָן גיך געלאָפן, אַרויפגעשפרונגען אויפן גאַניק, זיך געשטעלט אויף דער אויבערשטער טרעפ און אַ קריי געטאָן: קוקוריקו! און נאָך אַמאָל: קוקוריקו! דערנאָכדעם גיט ער אַ קוק אַלע שלאָפן נאָך גאָר, און אפילו זיינע פיר הינער ליגן אויף די בוימער און כראָפּען געשמאַק. שטייט אַזוי דער האָן איין מינוט, צוויי מינוט, און קראַצט זיך מיט זיין פוס באַם קאָפּ. דערנאָכדעם איז ער געוואָרן שטאַרק אין כעס,

און האָט נאָך אַמאָל אַ געשריי געטאָן: קו־קו־ריקו־ו־ו! כאַפּט זיך אויף די ווייסע הון, עפנט פּאַוואָלינקע די אויגן, גיט אַ געניץ און טוט אַ פרעג באַם האָן: ס'איז שוין שפּעט? ווערט דער האָן מערער אין כעס, און קרומט זיך נאָך דער ווייסער הון: „ס'איז טאַקע שוין שפּעט.“ גיב אַ קוק ווי די זון איז פאַרלאָפן, און איך פּאָפּט נאָך. אויפגעשטאַנען זאָל ווערן, וואָס גיכער, אַז ניט, וועל איך אייך אַזוי צעפּאַטשן, אַז איר וועט מיך האָבן צו געדענקען. האָט זיך די ווייסע הון דערשראָקן און איז אַראָפּגעשפּרונגען פונם בוים אויף דער ערד, האָט זיך אויסגעצויגן, אויסגעגלייכט די ביינער, זיך גוט אויסגעגעניצט, האָט דערהערט די שוואַרצע הון, איז זי אויך באַלד אַראָפּגעשפּרונגען פונם בוים, זי האָט אויפ־געוועקט די איבעריקע הינער און האָט זיי געזאָגט: גי־כער, שטייט אויף, ווייל דער האָן איז עפּעס היינט אין כעס, מיר קאָנען נאָך כאַפּן אַ שוואַרצן סוף פון אים. זיינען די געלע הון מיט דער גראָער הון אויך אַראָפּגע־שפּרונגען פון די ביימער און זיך אויסגעגעניצט. ווערט דער האָן וויטער אין כעס און זאָגט צו זיי אַזוי: וואָס האָט איר זיך צעגעניצט, וואָס? איר האָט זיך קאַרג אויסגעשלאָפן? אַ נו, צו דער אַרבעט. צעגייט זיך אַלע און זוכט עפּעס צו פרעסן, דערנאָך וועט איר פאַר־ווינען מיין קאָפּ: „מיר זיינען הונגעריק, מיר האָבן נאָך היינט גאָרניט געגעסן“. זיינען זיך אַלע הינער צע־לאָפן. די אַהין, די אַהער. זיי האָבן אָנגעהויבן צו שאַרן מיט די פיס איבער דער ערד. זיי האָבן געשאַרט

און געקוואַקעט. האָט׳ס פאַרדראָסן די גענדז, וואָס זיי זיינען געלעגן אין אַ ווינקעלע און זיי זיינען נאָך גע־שלאָפן. כאַפּט זיך אויף איין גאַנדז און גיט אַ געשריי צו די הינער: וואָס האָט איר זיך אַזוי צעקוואַקעט, הינער־קאַפּינער, איר זעט ניט, אַז מיר שלאָפן? איך וואָלט כאַטש געמעגט האָבן אַביסל דרך־ארץ פאַר על־טערע מענטשן. ווער בעט אייך אויפשטיין אַזוי פרי? דער טאָג איז אייך צו קליין? איר וועט נאָך האָבן צייט זיך אָנקוואַקען. גייט צו צו זיי דער האָן, אַזוי שטאָלץ און גרויס, און הייבט אָן צו שרייען אויף די גענדז: פוילע, וואָס איר זענט! זיך צעלייגט און פּאָפן. אַזוי שפּעט שלאָפט מען? איר מיינט, ס׳איז אייך ס׳קע־צעלע. דאָס קעצעלע קען זיך שלאָפן שפּעט, נישקשה, שרהלע וועט פאַר דעם שוין צוגרייטן אַ גוטן איבער־בייסן, מילך מיט ברויט. ווער וועט אייך געבן עסן? קיינער ניט. און איך וויל טאַקע, אַז איר זאָלט היינט אויפשטיין פריער אַביסל, איך דאַרף איר זאָלט זיך אַלע צונויפנעמען. איך דאַרף אייך עפּעס זאָגן. גייט וועקט אויף די ענדיקעס, גיכער.

האָבן אַלע דערהערט, אַז דער האָן דאַרף זיי עפּעס זאָגן, זיינען זיך אַלע צונויפגעלאָפן צום גאַניק. די הינער מיט די גענדז מיט די ענדיקעס. אַלע האָבן זיך געשטופּט און האָבן שוין געוואַרט, וואָס דער האָן וועט עפּעס זאָגן.

דער האָן איז זיך געשטאַנען אויף דער אויבער־שטער טרעפּ, אַזוי שטאָלץ ביי זיך און געוואַרט ביז

אַלע זיינען זיך שוין צונויפגעקומען, האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגל, אַ קריי געטאָן קוקו־רי־קו און געזאָגט אַזוי: „הערט, מיינע פריינט, היינט פאַרטאָג, ווען איך אַלע זיינט נאָך געשלאָפן, בין איך אַרומגעגאַנגען דאָ אין הויף. איך בין אַרומגעגאַנגען און געטראַכט: פאַרוואָס דאַרפן מיר זיך שטענדיק זאָרגן, און ס'ציגעלע מיטן קעצעלע מיטן הינטעלע זאָרגן זיך גאָר פון גאָרניט. שרהלע גיט זיי מילך אַלע גאַנץ פרי, גיט זיי ברויט, גיט זיי צוקערקעס מיט לעקעכלאַך. קויפט זיי שפּילעכלאַך אַט איז ערשט נעכטן האָט שרהלע געקויפט אַ וויים פערדל דער ציגעלע, דערפאַר וואָס ס'ציגעלע האָט אויסגעלערנט די מודה אני אויף אויסווייניק. אַ גרויסע מציאה: מודה אני. איך קען טויזנט מאָל בעסער זאָגן די מודה אני אויף אויסווייניק. איז מיר גיט זי גאָרניט און דעם ציגעלע גיט זי אַלעס. אַט וועט באַלד זיין ווינטער. מיר וועלן דאַרפן גיין אין שול זיך לערנען און מיר האָבן אפילו ניט קיין שיך. וועלן מיר מוזן גיין באָרוויס, וועט אונדז זיין קאַלט, וועלן מיר וויינען.

האָבן דערהערט די הינער, אַז דער האָן רעדט פון וויינען, האָבן זיי זיך שוין טאַקע צעוויינט. איז געוואָרן דער האָן אין כעס. ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגל, אַ קריי געטאָן: קוקוריקו. און זאָגט: הערט, הינער־קאַפּינער, וואָס האָט איר זיך צעוויינט? איך קען ניט שטיין שטיל. האָבן זיך די הינער דערשראָקן און זיי זיינען שטיל געבליבן. האָט דער האָן

וויטער גערעדט: הערט-זשע, מיינע פריינט. איז טאַ־
קע פאַרוואָס שלאָפן מיר אַלע אין דרויסן און ס'ציגעלע
מיטן קעצעלע מיטן הינטעלע שלאָפן אין שטוב? ס'קע־
צעלע מיינט, אַז ס'איז נאָך אַ גרויסער מיוחס. ס'האָט
זיך מיט מיר נעכטן גערייצט און האָט מיר געזאָגט:
האָן-קאַפּאָן. און ס'הינטעלע איז גאָר אַ גנב. איך האָב
אַליין נעכטן געזען, ווי ס'האָט אַרויסגעגנבעט אַן עפּעלע
פון שרהלעס קאָשעקל. זייט-זשע וויסן איר אַלע, היינט,
אַז שרהלע וועט אויפשטיין פון שלאָף, זאָלן מיר איר
זאָגן, אַז מיר ווילן אויך שלאָפן אין שטוב. מיר ווילן
זי זאָל אונדז אויך געבן אַלע אינדערפרי מילך מיט
ברויט, צוקערקעס מיט לעקאַך. מיר ווילן, אַז זי זאָל
אונדז אַלע קויפן שיך, וועט אונדז ניט זיין קאַלט.

האָבן דאָס דערהערט די הינער מיט די גענדז
מיט די ענדיקעס, זיינען זיי געוואָרן אַזוי פריילאַך און
האָבן אָנגעהויבן צו שרייען: גערעכט איז דער האָן,
כ'לעבן, מיר ווען טאַקע זאָגן שרהלען, און ס'קעצעלע
זאָל ניט זיין אַזאַ מיוחס.

דערהערט שרהלע עפּעס אַ גערויש אין דרויסן,
נייט זי אַרויס, גיט זי אַ קוק: אַלע גענדז מיט די הי־
נער מיט די ענדיקעס שטייען לעבן גאַניק און דער
האָן אויף דער אויבערשטער טרעפּ. פרעגט זי דעם
האָן: זאָג נאָר מיר, האָן, וואָס איז די מעשה וואָס איר
האָט זיך צונויפגענומען און זשומעט און לאָזט ניט
שלאָפן ס'קעצעלע מיטן הינטעלע מיטן ציגעלע? זאָגט
דער האָן: אַזוי, מיר מעגן אויפשטיין גאַנץ פרי און זיי

דאַרפן אַזוי שפּעט שלאָפן. מיר ווילן, אַז פון היינט אָן און ווייטער, זאָלסטו אונדז לאָזן באַנאַכט שלאָפן אין שטוב, און זאָלסט אונדז געבן מילך מיט ברויט אַלע גאַנץ פרי און זאָלסט אונדז קויפן שיכעלאַך, וועט אונדז ניט זיין קאַלט אין די פיסעלאַך. און אויב דו ווילסט ניט, גייען מיר אַלע אַוועק פון דאַנען און שוין.

האָט זיך שרהלע זייער דערשראָקן. זי האָט מורא געהאַט, אַז טאַקע אין אמתן וועלן זיי אַוועקגיין פון איר, האָט זי זיי געזאָגט: גוט, קומט אַלע אַריין אין שטוב, וועל איך אייך געבן מילך מיט ברויט. אויף באַנאַכט, וועל איך אייך אויסבעטן אין שטוב ווייכע געלעגערס, וועט איר טאַקע שלאָפן אַזוי גוט, און דערנאָכדעם וועל איך גיין אין מאַרק אַריין און וועל אייך אַלע קויפן שיך.

האָבן זיך אַלע זייער דערפרייט, זיינען זיי אַלע אַריינגעגאַנגען אין שטוב. שרהלע האָט יעדן געגעבן אַ גלאָז מילך מיט ברויט. זיי האָבן אָפּגעגעסן און זיך געלאָפן שפּילן אין דרויסן. שרהלע איז געלאָפן אין מאַרק אַריין, זי געקויפט אַלעמען שיך און האָט זיי אַלעמען אָנגעטאָן. און אויף דערנאַכט האָט זי זיי אַלעמען אויסגעבעט געלעגערס.

זיינען אַלע געשלאָפן שטיל און פיין, ווי לייטישע קינדער. גאַנץ פרי זיינען זיי אַלע אויפגעשטאַנען און געזונגען שיינע לידלאַך.

ס'הינטעלע שוואַרץ פּינטעלע

איר ווייסט דאָך קינדערלאַך, אַז שרה־לע האָט געהאַט אַ הינטעלע ניאַרע־לע און אַ טעקעלע, וואָס האָט גע־הייסן ברעקעלע, און אַז אויפן ווייסן קעפּעלע האָט ס'הינטעלע געהאַט אַ שוואַרץ פּינטעלע, און אַז ס'טעקעלע האָט געהאַט אַ רויט בעקעלע, אַ בלאָ קליידעלע, אַ ווייס רעקעלע און אַ רויט היטעלע אויפן קעפּעלע מיט אַ לאַנג שוואַרץ צעפּעלע.

אויך ווייסט איר מסתמא, אַז ס'הינטעלע איז גע־גאַנגען באָרוועס אין די הוילע פּיסעלאַך און ס'טעקעלע מיט שיינע שוואַרצע שיכעלאַך. ס'טעקעלע רויט בע־קעלע איז געווען אַזוי לייטיש און פרום, נאָר נעבאַך, ס'איז געווען שטאַרק שטום, ס'הינטעלע איז אָבער געווען אַ נאַשער־קאַפּאַשער און אַ ליגנער־קאַפּיגנער. ס'האָט ניט ליב געהאַט, וואָס שרהלע גלעט שטענדיק ס'טעקע־לע באַם בעקעלע; ס'האָט געהאַוועקעט אויף די הינער מיטן האָן און האָט מיט דער קאַץ אפילו געהאַט צו טאָן.

הערט־זשע וואָס ס'איז געשען: שרהלע איז זיך געגאַנגען צו אַ פריינד און אַזוי ווי ניאַראַלע האָט טע־קעלען פיינט, איז עס צו צום טעקעלע, איר צעריסן ס'ווייסע רעקעלע און איר אָפּגעביסן אַ שטיקל נאָז; ווײנט ברעקעלע, ווײנט און ווײנט, קומט שרהלע צוגיין, גיט זי אַזוש אַ פּליעסקע מיט די הענט: וואָס איז דאָס? ס'שיינע טעקעלע האָט זיך געהאַט אַזאַ שיין, ווייס רעקעלע, אָבער ס'רעקעלע איז צעריסן און די נאָז אָפּגעביסן.

זיצט זיך שרהלע ווײנט און ווײנט און הינטעלע־קאַפּינטעלע, ווי ניט אים מע מיינט. ס'זיצט זיך באַם טיש געזונט און פריש, האַלט אין דער האַנט אַ הענטל־פען און שרייבט: איינס, צוויי, דריי ביז צען. פרעגט שרהלע דעם הינטעלע ניאַראַלע:

— זאָג מיר נאָר, דו הינטעלע, שוואַרץ־פינטעלע, אפשר ווייסטו, וואָס איז דאָס? ווער האָט געהאַט צו ברעקעלעס נאָז און ווער האָט געטשעפּעט ס'ווייסע רע־קעלע באַ שיינער טעקעלע רויט־בעקעלע? זאָגט ניאַ־רעלע צו שרהלען:

איך זיץ מיר און שרייב, און ווי קען איך ווײסן, ווער האָט איר די נאָז אָפּגעביסן און ס'רעקעלע צעריסן. מסתמא פונם הויף דער געלער האָן, האָט איר אַזאַ מעשה אָפּגעטאָן. ווייסט איר וואָס, שרהלע האָט געטאָן? זי האָט גוט אָנגעפּלעצלט דעם שוואַרצן האָן. און דער שוואַרצער האָן האָט געוויינט ביז נאַכט, וואָס ס'הינטע־לע האָט אויף אים אַ ליגן אויסגעטראַכט.

מאָטעלע מיט דער קאַפּאָטעלע

איז אַמאָל געווען אַ אינגעלע מאָטעלע, האָט ער געהאַט אַ טאַטעלע. זיין טאַ־טעלע האָט געהייסן בערל, וואָס איז כסדר געזעסן מיט אַ שערל, מיט אַ פאָדים און מיט אַ נאָדל און האָט זיך געשמועסט מיט זיין ווייב האָדל.

מאָטעלע האָט אויך געהאַט אַ קעצעלע, וואָס האָט געהייסן טעצעלע און אַ האָן וואָס האָט ליב געהאַט עסן נאָר מאָן.

ס'אינגעלע מאָטעלע איז געגאַנגען אין חדר, וואו דער רבי פלעגט אים קנייפּן באַם בעקל כסדר. ס'קע־צעלע מיטן האָן זיינען אין שטוב געזעסן און האָבן געוואָלט שטאַרק עסן. אַזוי זיינען זיי געזעסן ביז נאַכט און האָבן געוואַרט ביז די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט, פלעגט מאָטל אַריינגיין, פלעגן האָן מיט קעצעלע זיך שטאַרק דערפרייען. פלעגט מאָטעלע דעם האָן געבן מאָן און דעם קעצעלע מילך אַ ביסעלע אין אַ שיסעלע. דערנאָך האָט מאָטעלע אַ קוש געטאָן זיין טאַטעלע און אויך זיין מאַמען האָדל. האָט זי אים דערפאַר גע־געבן אַ שטיקל שטרודל.

איינמאָל באַנאַכט, זיצט מאַטעלע און טראַכט. פרעגט אים זיין טאַטעלע: — וואָס טראַכסטו מאַטעלע? — וואָס איך טראַכט? — ענטפערט מאַטעלע, איך וואָלט וועלן זאָלסט מיר אויפנייען אַ קאַפּאָטעלע. נעמט זיין טאַטע בערל, אַ שערל, אַ פּאָדים מיט אַ נאָדל און זאָגט צו זיין ווייב האָדל: צום סוחר זאָלסטו לויפן, אַ שוואַרץ שטיק זייד זאָלסטו קויפן, וועל איך אַ קאַפּאָטקעלע אויפנייען, זאָל זיך אונדזער זון פרייען. איז די מאַמע האָדל תיכּף געלאָפן צום סוחר, אַ איד אַ דאַרער און אַ הויכער, אַ שוואַרץ שטיק זייד געקויפט און באַלד טאַקע שנעל אַהיים — זי לויפט. געבראַכט צו־טראָגן דאָס זייד, תיכּף בערל מיטן שערל — שנייד, שנייד. גענשניטן אַהער, גענשניטן אַהין, דערנאָכדעם גע־נייט אויף דער מאַשין. שרייט די מאַשין: טראַטאַטאַ, טראַטאַטאַ, זינגט ס׳טאַטעלע: טראַלאַלאַ, טראַלאַלאַ. גע־נייט איין שעה, גענייט צוויי שעה, — פאַרטיק. אַ קאַפּאָט־קעלע פאַר מאַטקעלען איז שוין דאָ אין אַ גוטער שעה.

פרייט זיך מאַטעלע, טאַנצט און לאַכט, אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצע נאַכט, אָבער ס׳קעצעלע מיטן האָן האָבן זיך ניט געפרייט, וואָס מע האָט מאַטעלען אַ קאַפּאָטעלע אויפגענייט. ווייל פון זינט מאַטקעלע האָט אַ נײַ קאַפּאָטקעלע, האָט ער שוין אינגאַנצן פאַרגעסן דעם האָן געבן עסן מאָן, און דעם קעצעלע מילך אַ ביסעלע אין אַ שיסעלע.

איז מאַטעלע — טאַנצט און לאַכט, און קעצעלע מיטן האָן זיינען הונגעריק אַ גאַנצע נאַכט.

דער האַז און אַ זונען שטראַל



טייט זיך איינמאָל אַזוי אַ האַז אין וואַלד לעבן אַ בוים און קוקט זיך אום אין אַלע זייטן. דרייט מיט די אויערן און הערט זיך איין אַרום און אַרום. שטענדיק, נאָר ער האָט מורא, אַז עמיצער וועט אויף אים אָנפאַלן און צופּאַטשן.

דער טאָג איז געווען זייער אַ ליכטיקער. די זון האָט אַזוי שיין געשיינט אומעטום. האָט די זון דערזען דעם האַז, ווי ער שטייט אַזוי פאַרזאָרגט. טראַכט זי זיך: אָט וועל איך אים אויך שיקן אַ גאָלדענעם שטראַל, וועט ער זיך פרייען און ניט זיין אַזוי פאַר־זאָרגט. האָט די זון אַראָפּגעשיקט אַ שטראַל. איז ער געפאַלן אויף אַ בוים פונקט אַנטקעגן דעם אָרט, וואו דער האַז איז געשטאַנען. אַ שטראַל איז דאָך אַ גרוי־סער שטיפּער, האָט ער אָנגעהויבן אַרומטאַנצן אויפן בוים און זיך שפּילן. האָט דאָס דער האַז דערזען. זיינען אים אַלע בלוטן פאַרקילט געוואָרן פון שרעק. ער האָט געמיינט, אַז דער שטראַל איז אים געקומען שלעכטס טאָן. נעמט דער האַז און אַנטלויפט גיך, גיך צו זיך אין דער נאָרע.

ליגט דער האָז אין זיין נאָרע און קוים וואָס ער אָטעמט אָפּ פון שרעק.

שפּעטער אַביסל קוקט דער האָז פּאַוואָלינקע אַרויס פון דער נאָרע, זעט ער: דער שטראָל טאַנצט נאָך אַלץ אַרום אויפן בוים. איז דער האָז ווידער אַנטלאָפן, זיך פאַרשטופּט אין אַ ווינקל און געציטערט אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצע נאַכט.

אויף מאָרגן איז שוין דער האָז געווען רעכט הונ־געריק. גייט ער אַזוי פּאַוואָלינקע אַרויס פון דער נאָרע און וויל שוין אנהייבן עפּעס עסן. פּלוצלינג מיט אַמאָל, ווידער געקומען דער שטראָל. טאַנצט און שפּרינגט, ווי נעכטן. האָט דער האָז זיך צעוויינט, אַריין אין דער נאָרע און מורא געהאַט אַרויסצוגיין.

אַזוי איז געווען אויפן דריטן און אויפן פערטן טאָג. ער האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון זיין נאָ־רע, איז ער דאָרט אַזוי לאַנג געלעגן ביז ער איז גע־שטאָרבן פון הונגער.

דער האָז זוכט זיין נאָז

יז דער ווינטער געקומען, האָט אַ ווינט אָנגעהויבן צו ברומען. דערנאָכדעם איז געפאַלן אַ שניי אַ געדיכטער און ס'איז געוואָרן אַ פראָסט אַ רעכטער. איז געוואָרן שטאַרק קאַלט אין גרויסן וואַלד.

איינמאָל אין אַ טאָג האָט דער פראָסט אין וואַלד דערזען אַ האָז, האָט ער גענומען און אים אָפּגעפרוירן זיין נאָז. האָט גענומען דער האָז און זיך שטאַרק צע־וויינט, אויף אייביק אַנטלאָפן די נאָז, האָט ער געמיינט. זוכט ער זי אומעטום, קוקט אַרום און אַרום, ניטאָ די נאָז, אַ סוף אַן עק. איז טאַקע אויפן האָז אַ גרויס דערשרעק.

פלוצלינג זעט ער לויפט אַן אייזל. פרעגט ער אים: ווייסטו ניט וואו איז ערגעץ מיין נעזל. מאַכט ס'אייזל: ווי אַזוי קען איך וויסן, אַז ביי מיר האָט אויך דער פראָסט מיין נאָז אָפּגעביסן. איך זוך זי פון צוויי שעה און מיין נאָז איז נאָך אַלץ ניטאָ.

גייען זיי ביידע אַוועק צום צאַפּ, ווייל מענטשן

זאָגן אַז ער האָט זייער אַ קלוגן קאָפּ. אָבער אַז ער אַליין ווייסט ניט וואו איז זיין אייגענע נאָז, קען ער זיי דען זאָגן וואָס איז דאָס ? און אַזוי ווי ער האָט שוין קיין נאָז ניט מער, זאָגט דער צאָפּ, אַז ער שעמט זיך זייער, די ציג וועט פון אים לאַכן און די אינגלאַך וועלן פון אים חוזק מאַכן. ס׳איז פאַר דער גאַנצער וועלט ניט שיין, וויל ער אַוועקגיין, זיין ערגעץ אַליין, זיך באַהאַלטן אין אַ ווּיסט אָרט, קיינער זאָל אים ניט זען דאָרט. בעט זיך דער האָז : נעם מיך אייזל אויך מיט, וועלן מיר זיין זאַלבעדריט.

מאַכט דער צאָפּ : פאַרוואָס ניט ? קומט מיט מיר אויך מיט. גייען זיי אַלע דריי און וויינען מיט ביטערע טרערן, פאַרוואָס קומט זיי אַזוי געשטראָפט צו ווערן.

גייען זיי און גייען, ביז זיי האָבן אַ פוקס דערזען. האָט דער פוקס צו זיי זיך געטאָן אַ נויג און געגעבן זיי אַ פרעג : וואָס וויינט איר מיט אַזוינע גרויסע טרערן ? דערציילט מיר, לאָמיר אויך הערן.

רופט זיך אָן דער צאָפּ און שאָקלט טרויעריק מיט זיין קלוגן קאָפּ : וואָס קענען מיר דיר דערציילן, וואָס, אַז דער פראָסט האָט אַוועקגענבעט באַ אונדז די נאָז ; וועלן מיר אַוועקגיין ווייט, ווייט, וועט אונדז כאָטש ניט זיין קיין בושה פאַר לייט.

באַקומט דער פוקס אויף זיי רחמנות און זאָגט, אַז איר וועט מיר געבן מתנות, וועל איך אויסזוכן די נאָז באַ יעדן איינעם און זי וועט ניט פעלן באַ קיי־ נעם.

דערווייל ניט ווייט פון וואַלד, אַזוי ווי מען גייט נאָר אַרויס תיכף באַלד, שטייט אַ שטוב און פונם קוי־מען גייט אַ רויך אַרויף צום הימל אין דער הויך. אין דער שטוב וואוינט אַן אַלטער איד, וואָס שמעקט טאַ־באַק און זינגט אַ ליד.

איז דער פוקס געקומען צום אידן און האָט אים געזאָגט: ווען דו וועסט מיר שטעלן צופרידן און מיר געבן טאַבאַק אַ שמעק, וואָלט איך צו דיינע הינער אפילו ניט געטאָן קיין לעק. איך וואָלט די שטייג ניט געבראָכן, און צו די הינער באַנאַכט ניט געקראָכן.

האָט דער איד אים געגעבן טאַבאַק אַ שמעק, איז דער פוקס באַלד אין וואַלד אַוועק צו דעם אייזל, צאַפּ און האָז און געזאָגט: טוט אַ שמעק וועט איר באַלד האָבן די נעזער. האָט יעדער געגעבן אַ שמעק און גע־געבן אַזאַ ניס, אַזש יעדער האָט אָנגעהויבן צו דרייען מיטן עק און טופּען מיט די פיס. האָבן זיי געניאָסן, געניאָסן און גרויסע טרערן געגאָסן. זיך אפּגעניסט אייזל, צאַפּ און האָז, האָבן זיי שוין דערפילט אַז יעדער האָט צוריק זיין נאָז.

האָבן זיי געזען, אַז דער פוקס איז טאַקע ניט קיין נאַר, האָבן זיי אים אַ סך מתנות געשענקט דערפאַר.

בלומע בלוי אייגל

ס'איז אַמאָל געווען אַ מיידעלע, האָט זי געהייסן בלומעלע און געהאַט בלוי-אינקע אייגעלאַך. האָט ס'מיידעלע בלומעלע זייער ליב געהאַט בלומען. אָבער, אַז ס'איז געווען ווינטער איז אַ שניי געפאַלן, וואָ-זשע זאָל מען איר נעמען בלומען? פרעגט ס'מיידל בלומעלע בײַ איר מאַמען: מאַמע, ווען וועלן שוין אין גאָרטן וואַקסן בלומען? ענטפערט איר די מאַמע: וואַרט אויס, בלומעלע, אָט וועט קומען דער פרילינג, עס וועט ווערן וואַרים, וועסטו האָבן אַ סך, אַ סך בלומען.

וואַרט ס'מיידעלע בלומעלע. וואַרט און וואַרט אַ גאַנצן ווינטער. לויפט אַלע מאָל אַרויס אין דרויסן אַ קוק טאָן, צי דער פרילינג איז נאָך ניט געקומען. אָבער אין דרויסן איז געפאַלן אַ שניי און אַ שטאַרקער פראָסט האָט בלומעלען אַרײַנגעטריבן צוריק אין שטוב אַרײַן.

אַזוי אַ גאַנצן ווינטער האָט ס'מיידעלע בלומעלע געוואַרט אויפן פרילינג. פלוצלינג, איין טאָג, איז אָנגע-

קומען אַ זון, אַזאַ ליכטיקע און װאַרימע. טראַכט בלו־מעלע, מסתמא שױן דער פרילינג געקומען. לױפט זי אין גאָרטן זוכן די בלומען. ערשט זי גיט אַ קוק: ניטאָ נאָך קײן בלומען, נישטאָ אפילו קײן גרעזעלע. לױפט זי באַלד צו דער מאַמען און קלאָגט זיך פאַר איר. ענטפערט איר די מאַמע: װאַרט אױס מײן בלו־מעלע, נאָך עטלאַכע טעג, װעלן װאַקסן אַ סך בלומען. װאַרט בלומעלע נאָך עטליכע טעג. לױפט אין גאָרטן, גיט אַ קוק: אַ גרעזל בליט שױן יאָ, אָבער קײן בלו־מען איז ניטאָ. װערט זי זײער טרױעריק און לױפט אַרײַן צו זיך אין צימערל, זעצט זיך אַװעק און װײנט.

אַזױ װי זי װײנט, װערט פּלוצלינג כמאַרנע אין דרױסן און אַ רעגנדל הײבט אָן צו פאַלן, גיך, גיך. פאַלט אַזױ אַ שטיקל צײַט. פּלוצלינג װערט מיט אַמאָל ליכטיק. אין גאָרטן װערט אַזױ שטאַרק פרײלאַך .... שױן דער רעגן ניטאָ... טאַנצן און זינגען די פײגעלאַך אױף די בײמער. עפנט בלומעלע אױף איר פענצטער און גיט אַ פרעג: פײגעלאַך, פײגעלאַך, װאָס איז אײַך אַזױ פרײלאַך? ענטפערן זײ איר: װײל עס שמעקט. װאָס שמעקט, פרעגט בלומעלע? בלומען — ענטפערן איר די פײגעלאַך. װאו זײנען די בלומען? פרעגט נאָך אַמאָל בלומעלע. װאָס הײסט װאו? װערן שױן ברוגז די פײגעלאַך, װאָס בלומעלע פרעגט צופיל. קוק אַרױס אין גאָרטן װעסטו אַלײן זען.

לױפט אַרױס בלומעלע אין גאָרטן, זי גיט אַ קוק: װײ! אַזױ פיל בלימעלאַך. קלײנינקע, קלײנינקע, װײסינ־

קע בלעטעלאַך מיט בלויאינקע אייגעלאַך.

האָט בלומעלע אָנגעריסן אַ סך בלימעלאַך און געלאָפן אין שטוב אַריין דערציילן דער מאַמען. פרעגט איר די מאַמע: בלומעלע, ווי אַזוי זשע וועלן הייסן די בלימעלאַך? ענטפערט בלומעלע: אַז די בלימעלאַך האָבן ווייסינקע בלעטעלאַך, אויף יעדער בלעטעלע איז דאָ אַ בלוי אייגעלע, וועל איך זיי אַ נאָמען געבן בלי־מעלע בלוי אייגעלע.

פון דעמאָלט אָן רופן די קינדער אָן אַזוינע בלי־מעלאַך: „בלוי אייגעלע“.

פאַרגעס מיך ניט

מאָל איז געווען אַ אינגל דוד מיט אַ מיידל חנה. האָבן זיי זיךביידע שטאַרק ליב געהאַט. געוואוינט האָבן זיי מיט זייערע עלטערן אין דאָרף. אָבער איינמאָל, דאַרף דוד אַוועקפאָרן צו זיין זיידן אין שטאָט אַריין, ווייל דער זיידע איז זייער קראַנק געווען. געזעגענען זיי זיך ביידע און מע צעקושט זיך און חנה גיט דודן אַ בינטל בלומען וואָס הייסן: „פאַרגעס מיך ניט".

איז דוד געקומען אין דער גרויסער שטאָט אַריין צו זיין זיידן. אַ גאַנץ יאָר איז זיין זיידע געלעגן קראַנק. ביז ער איז געשטאָרבן. וויינט דוד זייער און איז טרויעריק. דערנאָכדעם, אַז ער האָט זיך שוין גוט אויסגעוויינט, איז ער אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן איבער דער שטאָט. האָט ער דערזען אַ מיידל שרה, וואָס איז געווען זייער שיין און קלוג. נעמט ער און פאַרליבט זיך אין איר. נעמט שרה און פאַרליבט זיך אין אים. און חנהן האָט דוד אינגאַנצן פאַרגעסן.

איינמאָל שפּאַצירן דוד און שרה אין אַ גאָרטן.

רופֿט זיך אָן דוד: לאָמיר חתונה האָבן. מאַכט שרה: פֿאַר וואָס ניט.

אַזוי ווי זי האָט דאָס געזאָגט האָט פּלוצלינג אי־בערן גאַנצן גאָרטן אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן אַ סך בלו־מען: „פֿאַרגעס מיך ניט".

פֿאַרוואונדערט זיך שרה. אָבער דוד האָט יאָ שוין פֿאַרשטאַנען און האָט זיך דערמאָנט אין זיין חנהן און האָט אָנגעהויבן נאָך איר צו בײנקען.

דערציילט דוד שרהן די גאַנצע מעשה. רופֿט זיך אָן שרה: נו, מילא, דאַרפֿסטו פֿאָרן צו חנהן צוריק אין דאָרף אַריין.

נעמט דוד און פֿאָרט אַוועק. שרה אָבער איז געבליבן אין גאָרטן, זיך אַנידערגעזעצט צווישן די בלומען און האָט געוויינט. אַזוי לאַנג געוויינט ביז פֿון איר איז געוואָרן אַ בלום: „פֿאַרגעס מיך ניט", איז זי געוואָקסן סאַמע אין מיטן גאָרטן. פֿלעגן מענטשן גיין שפּאַצירן, זיך אָפּשטעלן קוקן אויף דער בלום און זאָגן: פֿאַרגעס מיך ניט, פֿאַרגעס מיך ניט.

ליליע מיט די ליליעס

ט די מעשה האָט געטראָפן זומערצייט. אינדערפרי איז אַרום די זון, איז געוואָרן ליכטיק און פריילאַך אין גאָרטן. אַלע ביימער, גראָזן און בלומען, אַלע פייגל און פליגעלאַך זיינען זיך צענויפגעקומען און געמאַכט אַ יום־טוב. וואָס איז די מעשה?

יענעם טאָג איז געבוירן געוואָרן אין גאָרטן אַ קליין בלומעלע, וואָס האָט געהאַט ווייסינקע, ווייסינקע בלעטעלאַך, זיינען אַלע געווען אַזוי פריילאַך. און ווי אַזוי קען מען ניט זיין פריילאַך, אַז די זון האָט אַזוי גוט געוואַרימט. ס'איז געווען אַזוי ליכטיק און דאָ איז נאָך געבוירן געוואָרן אַזאַ שיין בלימעלע. דערווייל אין שטוב אינווייניק, איז אויך געווען אַ גרויסע שמחה. וואָס האָט דען דאָרטן געטראָפן?

דאָרט אויך האָבן זיך צענויפגעקומען אַ סך מענטשן, גרויסע און קליינע קינדער, און מען איז געווען פריילאַך, וואָס אין דער שטוב איז געבוירן געוואָרן אַ קליין מיידעלע אַזאַ שיינס. מיט ווייסינקע, ווייסינקע הערעלאַך אויפן קעפעלע. האָבן די הערעלאַך אויסגעקוקט

אַזוי ווייס, פּונקט ווי די בלעטלאַך פון ניי־געבוירענעם בלימעלע.

טאַנצט מען און מען שפּרינגט אי אין גאָרטן, אי אין שטוב. האָט מען געטראַכט אי אין גאָרטן, אי אין שטוב, וואָס פאַר אַ נאָמען געבן די ניי־געבוירענע.

זיצן זיי אַזוי אַלע און טראַכטן אַ נאָמען.

פלוצלינג אין גאָרטן רופט זיך אָן אַ רויז:

— וואָס דאַרפן מיר טראַכטן וועגן אַ נאָמען, אַז דאָס בלומעלע האָט שוין פון לאַנג אַ נאָמען, ווייל אַלע בלומען, וואָס האָבן ווייסע בלעטלאַך ווי שניי, הייסן ליליעס. דערפאַר דאַרפן מיר דאָס בלימעלע אויך רופן ליליע.

ווערן זיי אַלע פריילאַך אין גאָרטן און מע הייבט אָן צו זינגען: ליליע, ליליע. דערהערט מען אין שטוב אינווייניק, ווי מען זינגט ליליע, ליליע. רופט זיך אָן איינער: אַז דאָס מיידעלע האָט אַזוינע ווייסינקע הערעלאַך, ווי די בלעטעלאַך באַם בלימעלע און דאָס בלימעלע הייסט ליליע, וועלן מיר אויך אונדזער מיידעלע רופן ליליע. ווערט מען אַלע פריילאַך אין שטוב און מע זינגט: ליליע, ליליע:

פון דעמאָלט אָן, האָט ס׳מיידעלע געהייסן ליליע. אַז זי איז געוואָרן גרויס, האָט זי זייער ליב באַקומען בלומען, וואָס הייסן ליליעס. פלעגט ליליע שטענדיק רייסן ליליעס און זיי אַריינפלעכטן אין אירע צעפּ. פלעגן אַלע זי רופן ליליע מיט די ליליעס.

אַ מעשה מיט פייגעלאַך



עטראָפן האָט זיך די מעשה אין אַ גרויסער, גרויסער שטאָט, וואו די מענטשן האָבן אויפגעבויט אַזוינע הויכע הייזער, אַז זייערע קוימענס דערגרייכן אַזש ביז צו די וואָלקנס.

אין דער שטאָט האָט געוואוינט אַ פייגעלע מיט רויטע פליגעלאַך און מיט ווייסע פיסעלאַך. אַ גאַנצן טאָג איז ס'פייגעלע אַרומגעפלויגן אין פּאַרק און געזוכט עסן. באַנאַכט, אַז די זון איז פאַרגאַנגען פלעגט ס'פייגעלע זיך באַהאַלטן צווישן די צווייגן פון אַ געדיכטן בוים און דאָרטן איבערנעכטיקן. אַזוי אַ לאַנגע צייט.

איינמאָל אָבער האָט דאָס פייגעלע דערפילט, אַז זי דאַרף לייגן אייעלאַך. אַז זי האָט אַזוי דערפילט, האָט זי באַלד אָנגעהויבן זוכן אַ גוט פאַרבאַהאַלטן אָרט. געזוכט, געזוכט און ניט געפונען, איז ס'פייגעלע געוואָרן זייער טרויעריק.

אַנטקעגן פּאַרק איז געשטאַנען אַ גרויס הויז פון 6 שטאָק. דאַרף זיך טרעפן, אַז פון אַ פענצטער

פון זעקסטן שטאָק זאָל זיך אָפּרייסן אַ ציגל און אַראָפּ־פאַלן אויף דער ערד. איז געוואָרן אין פענצטער אַ גרוי־סער לאָך. אַז ס׳פייגעלע האָט דאָס באַמערקט, איז עס צוגעפלויגן צום פענצטער, באַטראַכט דעם לאָך און זעט, אַז ס׳וועט זיין אַ גאַנץ נישקשהדיקע נעסט. איז עס גע־וואָרן זייער פריילאַך. האָט באַלד ס׳פייגעלע געבראַכט צוטראָגן פון פּאַרק שטרויעלאַך און גרעזעלאַך, אויסגע־בעט איר נייע נעסט און זיך דאָרט אַריינגעזעצט. זיצט ס׳פייגעלע איין שעה, זיצט ס׳פייגעלע צוויי שעה, עס גיט אַ קוק: 4 קליינע ווייסע אייערלאַך געלייגט. איצטער, אַז זי האָט שוין געלייגט די אייערלאַך, דאַרף מען זיך אַנידערזעצן אויף זיי, זיצן לאַנג, לאַנג און וואַרימען די אייערלאַך, וועלן אַרויס 4 לעבעדיקע פייגעלאַך. האָט ס׳פייגעלע אַזוי געטאָן. ניט געגעסן, ניט געטרונקען, נאָר געזעסן אויף די אייערלאַך און זיי געוואַרימט.

איינמאָל, פאַרטאָג, שלאָפט אַזוי ס׳פייגעלע זייער געשמאַק, הערט זי פון שלאָף, ווי עמיצער פּישטשעט. כאַפּט זי זיך אויף און גיט אַ קוק: אודאי, 4 קליינינקע, פּיצינקע פייגעלאַך זיינען אַרויסגעקראָכן פון די אייע־לאַך, זיצן און פּישטשען. האָט די מאַמע־פייגעלע זיך זייער דערפרייט, צעקושט זיך מיט אירע קינדערלאַך און תיכף אַרויסגעפלויגן אין פּאַרק אַריין, זוכן עפּעס וואָס צו עסן פאַר זיי.

פון דענסמאָלט אָן איז די מאַמע פייגעלע געווען שטאַרק פאַרנומען די גאַנצע צייט: די 4 פייגעלאַך זיי־נען געווען גרויסע פרעסערס. אַ גאַנצן טאָג, נאָר זיי

האָבן געפּישטשעט צו דער מאַמען: „עסן, עסן". גאַנ־צע טעג איז די מאַמע אַרומגעפלויגן אין פּאַרק, צענויפ־גענומען ברעקלאַך ברויט, וואָס די מענטשן פלעגן אי־בערלאָזן דאָרטן, ווערימלאַך, אויב ס'איז נאָר געגאַנגען אַ רעגן. וויפל די מאַמע־פייגעלע האָט זיי ניט געבראַכט, איז אַלץ געווען קאַרג פאַר זיי. נאָך, נאָך פלעגן די פייגעלאַך־פרעסערס האַלטן אין איין פּישטשען.

איינמאָל, מיטוואָך, איז די מאַמע־פייגעלע אַרויס־געפלויגן זוכן עסן. האָט זי פאַרזאָגט אירע קינדערלאַך, אַז זיי זאָלן זיצן שטיל, זיך ניט בייסן איינע די אַנ־דערע זיך ניט קריגן און ניט אַרויסקוקן פון נעסט. זיינען די פייגעלאַך געבליבן אַליין, ניט געפאָלגט דער מאַמען און דוקא זיך יאָ געקריגט, יאָ געביסן איינע די אַנדערע און יאָ אַרויסגעקוקט פון נעסט. דערווייל, ווי זיי קוקן אַזוי אַרויס פון דער נעסט, פאַרגלוסט זיך איין פייגעלע אַ פּרואוו טאָן צי ס'קען שוין פליען. האָט עס גענומען, אויסגעשטרעקט אירע קליי־ניקע פליגעלאַך, אַ מאַך געטאָן און... ניט געפלויגן, נאָר געפאַלן. צום גליק אָבער, איז עס ניט געפאַלן אויף דער ערד און זיך צעהרגעט, נאָר געפאַלן אויף אַן אָפן פענצטער, פון זעקסטן שטאָק. פריער האָט ס'פייגע־לע געמיינט אַז ס'איז שוין אודאי טויט, האָט עס גע־גוואַלדעוועט און געפּישטשעט: „אוי, איך בין שוין טויט". דערנאָכדעם, זעט ס'פייגעלע, אַז ס'איז גאָר לע־בעדיק און געפינט זיך גאָר אין אַ פרעמד אָרט, האָט זיך עס צענויפגעקאָרטשעט, אויסגעסטאַרטשעט די אייגלאַך,

געציטערט און באַטראַכט די פרעמדע וועלט. נו, זיצט עס און באַטראַכט . . .

דערווייל קומט די מאַמע־פייגעלע צופליען מיט א סך עסן פאַר אירע קינדערלאַך. זי גיט אַ קוק: ווי! וואו איז אייער שוועסטערל? ווייסן ניט די פייגעלאַך וואָס צו ענטפערן, לאָזן אַראָפּ די קעפּלאַך און שווייגן. זיי האָבן אויך געמיינט, אַז זייער שוועסטערל איז שוין אודאי טויט. דערשרעקט זיך די מאַמע, פליט באַלד אַרוים פון נעסט זוכן איר קינד. זוכט זי דאָס אומע־טום: אויף דער ערד, אויפן ־אַך, אין פאַרק: ניטאָ. לויפט זי צוריק צום הויז, פליט צו צום פינפטן שטאָק, קוקט אַריין אין אַלע פענצטער: ניטאָ איר קינד. פליט זי צום פערטן שטאָק, קוקט אַריין אין אַלע פענצטער, אויך ניטאָ ס׳קינד. אַזוי צום דריטן און צווייטן, דאָרט אויך ניטאָ. ביז זי איז געקומען צום ערשטן שטאָק, זי גיט אַ קוק: איר קינד זיצט זיך, ציטערט און באַטראַכט ס׳פרעמדע אָרט. האָט זיך די מאַמע־פייגעלע זייער דערפרייט, גע־גלעט און געקושט איר געפונען קינד. דערנאָכדעם, וויל זי אָננעמען איר פייגעלע מיטן פיסקל און עס צוריק טראָגן אין דער נעסט, קען זי ניט, ווייל ס׳פייגעלע איז געווען צו שווער פאַר איר. איז די מאַמע פייגעלע געוואָרן זייער טרויעריק. איז זי געפלויגן אַרום דעם הויז, גע־זוכט עמיצער זאָל איר העלפן, אָבער קיינער איז ניטאָ. דערווייל, אי דאָס אַראָפּגעפאַלענע פייגעלע געוואָרן זייער הונגעריק, האָט עס אָנגעהויבן צו וויינען. איז די מאַמע געפלויגן אין פאַרק אַריין, אָפּגעזוכט אַ וואָרים און גע־


א. גודז.

בראכט צוטראָגן דעם קינד. אַליין איז זי ווידער אַוועק־געפלויגן אין פאַרק אַריין, געקומען צוריק און ווידער אַוועק, געפּישטשעט טרויעריק און געזוכט עמיצער זאָל איר העלפן.

אויפן ערשטן שטאָק האָבן געוואוינט אַ אינגעלע מיט אַ מיידעלע. האָבן די קינדער שטאַרק רחמנות געקראָגן אויף די פייגעלאַך. האָבן זיי גענומען דאָס אַראָפּ־געפאַלענע פייגעלע און עס צוגעטראָגן צו דער נעסט. ווי נאָר די מאַמע האָט עס דערזען, האָט זי געמיינט, אַז מע וויל שלעכטס טאָן איר קינד. איז זי געוואָרן זייער דערשראָקן, אַנגעמאַכט אַ גוואַלד, געפלויגן צו אַלע פענ־צטער און געוואָלט אויסברעכן אַלע שויבן פאַר צרות. דערווייל האָבן די קינדער שוין אַריינגעלייגט ס׳פייגעלע אין נעסט און זיינען אַוועקגעגאַנגען. האָבן גענומען אַלע פיר פייגעלאַך און אָנגעהויבן פּישטשען פריי־לאַך : מאַמע, מאַמע, קום אַהער ווערסטו עפּעס זען. קומט די מאַמע צופליען : אַהאַ, איר קינד, געזונט און פריש זיצט שוין אין דער נעסט. איז זי געוואָרן זייער פריילאַך. געקושט אַלע קינדערלאַך, זיי עסן געגעבן און שלאָפן געלייגט.

פון דענסמאָלט אָן, האָבן די קליינע פייגעלאַך זיך שוין געהיט און אפילו ניט אַרויסגעקוקט פון דער נעסט. אַז עס זיינען אָבער אַוועקגעגאַנגען עטלאַכע וואָכן און די פיי־געלאַך זיינען אויסגעוואַקסן, זייערע פליגעלאַך זיינען שוין שטאַרק געוואָרן. האָט די מאַמע פייגעלע זיי געזאָגט : איצטער מעגט איר פליען. האָבן די קינדערלאַך נאָך

אַלץ מורא געהאַט, זיי האָבן נאָך ניט פאַרגעסן די פרײ־
ערדיקע געשיכטע. אָבער אַז זייער מאַמע האָט זיי גע־
זאָגט פליען, האָבן זיי געפּרואווט, געפּרואווט, ביז זיי
האָבן געזען, אַז זיי קענען טאַקע פליען. זיינען זיי שוין
מער ניט געזעסן אין דער נעסט, נאָר אַרומגעפלויגן אַ
גאַנצן טאָג מיט זייער מאַמען און געזוכט פאַר זיך אַליין
עסן.

מייזעלע גנב

דער זיידע אַבאַ און די באָבע דאָבע, אַז זיי זיינען געוואָרן אַלט, זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען אין וואַלד. אַזוי ווי זיי גייען, האָבן זיי פּלוצלינג אַ הייזל דערזען. קומען זיי אַריין אין הייזל, לויפט זיי אַנטקעגן אַ קליין מייזל און זאָגט אַזוי: אוי, אוי, וואָס דאַרפט איר האָבן דאָ? גייט אייך, קיינער איז ניטאָ אַחוץ איך מייזל אין קליי־נעם הייזל.

זאָגט דער זיידע: גוט, אַז קיינער ניטאָ, וועלן מיר טאַקע בלייבן דאָ, און דו קליין מייזל, דאַרפסט האָבן אַזאַ גרויס הייזל? ס'קען זיך דיר ניט לוינען, אַז דו זאָלסט אין אַ לעכל וואוינען? לאָזט אַראָפּ דאָס מייזל זיין עק, ווערט ברוגז און גייט זיך אַוועק. איז די באָבע מיטן זיידן אין הייזל געזעסן און אָן מייזל אינגאַנצן פאַרגעסן. אָבער ס'מייזל האָט ניט געשוויגן, ס'איז אין לעכל געלעגן און געטראַכט: ווען ס'וועט ווערן נאַכט, וועט'ס אַ סך שאָדן אָנמאַכן, וועט מען שוין וויסן ווי פון אַ מייזל צו לאַכן.

איז די נאַכט געקומען, אַ ווינט אין דרויסן האָט

אנגעהויבן צו ברומען. דער זיידע מיט דער באָבען האָבן געכראָפּעט און אין דרויסן האָט אַ רעגנדל גע־קאַפּעט. איז ס'מייזל שטיל אַרויס פונם לעכל, זיך אַריינ־געגנבעט אין קיכל. אין די טעפּלאַך געשמעקט, אַלצ־דינג אַרומגעלעקט, ביז ס'האָט אין שאַפע אַ שטיקל צו־קער אָנגעטראָפן, האָט'ס צוגעגנבעט און אַנטלאָפן.

גאַנץ פרי גייט די באָבע אַריין אין קיך און רעדט אַליין אַזוי ווי צו זיך: אָט וועל איך דעם זיידן אָפּקאָכן קאַפע, וועל נעמען ס'שטיקל צוקער פון דער שאַפע, וועט דער זיידע טרינקען און זיין פריילאַך, און וועט שיינען ווי אַ מלך. שוין אויפגעזאָדן די קאַפע, גייט די באָ־בע צו דער שאַפע, זוכט איין שעה, זוכט צוויי שעה, דער צוקער איז גאָר ניטאָ. דערווייל קומט אַריין דער זיידע אבא און זאָגט: באבע דאָבע, אַ גוט מאָרגן, וואָס האַלסטו זיך אין איין זאָרגן?

אוי, ווי, זיידע אבא! — זאָגט די באָבע דאבע. — עמיצער איז באַנאַכט געקומען און דעם צוקער צוגע־נומען.

זאָגט דער זיידע: ניט וויין, איך וועל שוין דעם גנב כאַפּן און אים נאָך גוט אָנקלאַפּן, וועט ער שוין וויסן ווי אַ גנב צו זיין און קריכן צו יענעם אין שאַפע אַריין.

דערווייל עפנט זיך די טיר, קומט ס'קעצל און זאָגט: זיידע, אַ גוט מאָרגן דיר! פרעגט דער זיידע: קעצל דו קליינס, קעצל דו שיינס, וואָס ביזטו עפּעס געקומען צו אונדז צוגיין. זאָגט ס'קעצל: ווייל איך וויל

באַ איך שטיין. זאָגט דער זיידע: וועסט דאָך אומעטום
נאַשן ? מאַכט ס׳קעצל : פֿאַרקערט, איך וועל אַלע

טעפּלאַך וואַשן. גוט, — זאָגט דער ציידע. איז ס׳קעצל געבליבן אין הייזל שטיין און האָט אָנגעהויבן זיך אַרומ־דרייען.

דערווייל איז געוואָרן נאַכט, האָט זיך ס׳קעצל עפּעס פאַרטראַכט. וואָס זשע האָט זיך ס׳קעצל פאַר־טראַכט ? ווייל אין לעכל האָט זיך עמיצער צעלאַכט. דאָס האָט זיך ס׳מייזל אָנגעהויבן צו פרייען, ווייל יעדער שלאָפט, קען׳ס שוין אין קיך ווייטער גיין. גייט ס׳מייזל איבערן הייזל, ס׳קוקט זיך אום, אַרום און אַרום, טראַכט ס׳מייזל : קיינער ניטאָ, וועט טאַקע זיין אַ גוטע שעה. וועל איך ווייטער עפּעס אין דער שאַפע דער־טאַפּן, ס׳גיך אַוועקכאַפּן. איך וועל אין לעכל אַריין, וועט אַזוי וואויל צו מיר זיין. פּלוצלינג, ווי ! ווי ! גיט ס׳מייזל אַ געשריי. עמיצער האָט׳ס געגעבן אַ כאַפּ און דערנאָך אַ קלאַפּ. איינס און צוויי, דריי און פיר, מייזל, מייזל, אַז ווי איז צו דיר. ס׳קעצל פּאַטשט און שלאָגט און ס׳מייזל וויינט און קלאָגט. האָט דערהערט דער ציידע אבא האָט ער אויפגעוועקט די באבע דאָבע. ער האָט ס׳מייזל אַריינגעזעצט אין אַ שטייגל, אויפגעהאַנגען אויף אַ בוים אויף אַ צווייגל.

איז געזעסן דאָרט ס׳מייזל און האָט געוויינט אַ טאָג מיט אַ נאַכט ביז אַ פייגל האָט דערהערט און האָט ס׳טירל אויפגעמאַכט. ס׳האָט גענומען ס׳מייזל צו זיך אין דער נעסט און האָט געגעבן גוטע קעסט. די באַ־בע אָבער האָט אַלע טאָג געקאָכט קאַפע און קיינער האָט דעם צוקער ניט געגנבעט פון דער שאַפע . . .

נו, און דערנאָכדעם

איינמאָל רופט זיך אָפּ די מאַמע צו לייבלען:

— דו ווייסט, מאָרגן פאָרן מיר אַרויס צו דער מומע חיהן אויף דער פאַרם.

— וואָס־זשע וועט זיין? פרעגט לייבל.

— וואָס זאָל זיין? ענטפערט אים זיין מאַמע. מיר וועלן קומען אויף דער פאַרם. מיר וועלן אַלע טאָג גיין שפּאַצירן אין וואַלד, זיך באָדן אין טייכל און זיך אַרומשיפן אין די שיפלאַך.

— און דערנאָכדעם? וויל לייבל וויסן.

— און דערנאָכדעם, מאַכט זיין מאַמע, וועט אַוועק דער זומער און דער ווינטער וועט קומען וועלן מיר זיך אומקערן צוריק אין שטאָט אַריין און שוין.

— נו, און דערנאָכדעם? וויל נאָך לייבל אַלץ ווייטער וויסן.

— און דערנאָכדעם, מאַכט זיין מאַמע און איז שוין שטאַרק אין כעס. און דערנאָכדעם וועסטו זיין אַ

גולם און מיך פאַרמוטשען מיט דיינע פראַגן.

אַזוי האָט זיין מאַמע געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנ-
גען זיך צוגרייטן אין וועג אַריין.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי איז צוגעפאָרן חיים דער
בעל-הגלה מיט זיין וואָגן. לייבלס מאַמע האָט אַריינגע-
לייגט אַלע פעקלאַך אין וואָגן אַריין און אַליין זיך אָנ-
גערופן צו לייבלען:

— לייבל, מיר זיינען שוין פאַרטיק, קריך אַריין
אין וואָגן אַריין.

— וואָס זשע וועט זיין? פרעגט לייבל.

— וואָס זאָל זיין? מאַכט די מאַמע, מיר וועלן
נעמען און פאָרן.

— און דערנאָכדעם? באַנוגנט זיך ניט לייבל מיט
דער ערשטער פראַגע.

— און דערנאָכדעם, ענטפערט די מאַמע, וועלן
מיר אַזוי לאַנג פאָרן, ביז מיר וועלן אָנקומען צו דער
מומע חיהן.

— נו, וואָס זשע וועט זיין, אַז מיר וועלן אָנקו-
מען? לאָזט לייבל נאָך אַלץ ניט צורו זיין מאַמען.

— אַז מיר וועלן אָנקומען, וועלן מיר אָנקומען. ענט-
פערט זיין מאַמע און איז שוין שטאַרק אין כעס.

— נו, און נאָכדעם?

דאָ איז שוין דער בעל-עגלה שטאַרק אין כעס
געוואָרן, וואָס מען פאַרהאַלט אים און די פערד איבער
אַזוינע נאַרישע פראַגן, האָט ער אָנגעכאַפּט לייבלען מיט

כעס, אים אַ וואָרף געטאָן אין וואָגן אַריין און אַ געשריי געטאָן:

— נו, זיץ שוין, דו, צו אַל־די רוחות!

— וואָס־זשע וועט זיין? פרעגט לייבל דעם בעל־עגלה.

— וואָס ס'וועט זיין? מאַכט דער בעל־עגלה, און הויבט צו אים אויף די בייטש. אַט וועל איך דיר דערלאַנגען איבער דער פּלייצע, איינמאָל און צוויי מאָל, וועסטו שוין וויסן ווי צו פרעגן נאַרישע פראַגן.

— נו, און נאָכדעם?

איז געוואָרן דער בעל־הגלה מסכון אין כעס. האָט ער טאַקע אויפגעהויבן די בייטש און דערלאַנגט לייבלען, דערנאָכדעם די פערד און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

נעמט לייבל און צעוויינט זיך. אָבער זיין מאַמע איז שוין געווען צופרידן וואָס מען פאָרט שוין, האָט זי געשוויגן. אָבער שפּעטער, אַז לייבל האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין וויינען, האָט איר אַ קלעם געטאָן אין האַרצן פאַר איר קינד און זי האָט אַ מאַך געטאָן:

— ניטע, לייבל, הער אויף צו וויינען.

— וואָס־זשע וועט זיין? פרעגט לייבל אינמיטן געוויין.

— וואָס זאָל זיין? גאָרניט, וועסטו אויפהערן צו וויינען. ענטפערט זיין מאַמע.

— און דערנאָכדעם?

— און דערנאָכדעם, מאַכט זיין מאַמע מיט גרויס

כעם, און דערנאָכדעם ביזטו נאָך אַלץ אַ גולם און ווען אפילו פון היינט ביז מאָרגן, וועט מיך אויך ניט אַרן.

אָבער ניט דאָס וויל איך אייך דערציילן.

זיי זיינען אָנגעקומען אין דער פּאַרם אַריין. די מומע חיה האָט זיך זייער דערפרייט מיט זיי און זיי אָפּגעגעבן אַ שיינעם צימער אויף צו וואוינען. איז אַוועקגעגאַנגען אַ וואָך און צוויי אויף דער פּאַרם, איז געווען זייער גוט, אָבער נאָך בעסער איז געווען אויפן טייכל און אין וואַלד. קיינער האָט צו לייבלען ניט גערעדט, ווייל מען האָט געוואוסט זיין טבע. אָבער לייבלען האָט דאָס ניט געאַרט. ער פלעגט נעמען אַ שיפל און אַוועקפאָרן ווייט, ווייט. צופאָרן צום וואַלד, זיך אַוועקזעצן אונטער אַ בוים און קלערן. פלעגט אַ פייגעלע זיך צעזינגען ערגעץ צווישן די צווייגן, פלעגט לייבל אויפהויבן דעם קאָפּ און אַ פרעג טאָן:

— פייגעלע, פייגעלע, וואָס זשע וועט זיין?

— צוויטש, טשיר, טשיר, פלעגט דאָס פייגעלע ענטפערן.

— דערנאָכדעם?

— טשיר, טשיר, צוויטש, פלעגט דאָס פייגעלע אַ מאַך טאָן און אַנטלויפן. ווייל ס'האָט, ווייזט אויס, אויך מורא געהאַט פאַר לייבלס פראַגן. פלעגט לייבל בלייבן זיצן פאַרקלערט, וואָס דאָס פייגעלע איז אַוועק, און ס'פלעגט אים שטאַרק באַנג טאָן.

איינמאָל באַטאָג, ווען לייבל איז צוגעשפּאַרן מיטן שיפּל צום וואַלד, האָט ער געזען ווי באַם בערג ליגט אַן אָפּגעריסענער טרעמפּ און שלאָפט זיך זייער געשמאַק. האָט זיך לייבל אַנידערגעזעצט קוקן אויף אים. ביז פאַר־נאַכט האָט לייבל אַזוי געהאַלטן אין איין באַטראַכטן. כאַפּט זיך אויף דער טרעמפּ, גיט ער אַ קוק, אַ אינגל זיצט און קוקט אויף אים. טראַכט ער בײַ זיך: „אַז אַ אינגל וויל זיצן און קוקן אויף מיר, וואָס־זשע אַרט מיך, לאָז ער זיך קוקן געזונטערהייט". דערנאָכדעם אָבער איז דער טרעמפּ שטאַרק הונגעריק געוואָרן. פאַלט אים איין אַ געדאַנק און ער רופט זיך אָן צו לייבלען:

— העי, דו, יונגאַטש, אַנו ברענג מיר נאָר אַ שטיק ברויט פון דיין הויז.

— וואָס־זשע וועט זיין? מאַכט לייבל.

— ברענג מיר פריער דאָס שטיק ברויט וועסטו שוין זען, וואָס וועט זיין, מאַכט דער טרעמפּ און טוט אַ לאַך.

לויפט גיך לייבל צו זיין שיפל, איילט זיך איבערן טייך צום הויז, גנבעט אַרויס פון דער קיך אַ גרויס שטיק ברויט און ברייננגט דאָס דעם טרעמפּ.

— קוק, מאַכט דער טרעמפּ צו לייבלען, אָט וואָס ס'וועט זיין. און ער נעמט און הויבט אָן צו קייען מיט גרויס אַפּעטיט. קוקט לייבל אים גלייך אין מויל אַריין. קייט דער טרעמפּ, קייט און שלינגט. ביז דאָס ברויט איז שוין ניטאָ. גיט לייבל דערמאָלט אַ פרעג:

— נו, און איצט?

— איצט, ענטפערט דער טרעמפּ, וועלן מיר זיך אויפהויבן און גיין ווייטער אונדזער וועג.

— און דערנאָכדעם?

— אַז דו ווילסט וויסן, וואָס דערנאָכדעם וועט זיין, מאַכט דער טרעמפּ, קענסטו מיר נאָכגיין וועסטו שוין אַליין זען. און באַ די ווערטער האָט זיך דער טרעמפּ אויפגעהויבן, אַרויפגעוואָרפן זיין קלומעק אויף די פּלייצעס און אָנגעהויבן צו שפּאַנען. וויל אָבער לייבל וויסן, וואָס דערנאָכדעם וועט זיין, לאָזט ער זיך גיין נאָכן טרעמפּ.

דערווייל איז געקומען די נאַכט און ס'איז געוואָרן שטאַרק פינצטער. דער טרעמפּ איז אַרויס פון וואַלד און זיך גענומען גיין מיטן ברייטן וועג אַרויף, אַרויף — און לייבל נאָך אים. ער האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר דער פינצטערער נאַכט און פאַרן ווייטן ברייטן וועג. אָבער ער האָט דאָך געוואָלט וויסן, וואָס דערנאָכדעם וועט זיין, איז ער געגאַנגען און געגאַנגען.

דערווייל איז דער מאָרגן־שטערן אַרויס, ס'איז געוואָרן עטוואָס ליכטיקער. האָט דער טרעמפּ גענומען און פאַרקירעוועט אין וואַלד אַריין, אויסגעזוכט אַ שאָטנדיקן בוים און זיך אַנידערגעלייגט, זיך אויסגעצויגן און אַ זאָג געטאָן צו לייבלען:

— נו, און איצט וועלן מיר שלאָפן.

— וואָס־זשע וועט זיין, פרעגט לייבל.

— וואַרט אויס, ביז וואַנעט איך וועל זיך אויס־

שלאָפן, וועסטו שוין זען, וואָס ס'וועט זיין. אַזוי האָט געזאָגט דער טרעמפּ און תיכף באַלד געשמאַק אַנט־שלאָפן געוואָרן און אנגעהויבן צו כראַפּען.

פאַרנאַכט, אַז דער טרעמפּ האָט זיך אויפגעכאַפּט און געזען, אַז לייבל זיצט נאָך אַלץ לעבן אים, האָט ער באַ זיך אַ טראַכט געטאָן: „אַן אוצר האָט אים געטראָפן אין וועג, כ'לעבן. אָט דער נאַרישער בחורל וועט מיר אַ סך צונוץ קומען און איך וועל זיך קענען פוילן וויפל מיין האַרץ גלוסט", דערנאָכדעם רופט ער זיך אָן צו לייבלען:

— הער נאַר, בחור, מיך אויס: איך זע אַז דו ביסט זייער אַ נייגעריקער, ווילסט אַלץ וויסן, וואָס דער־נאָכדעם וועט זיין. גוט, גיי־זשע מיר נאָך, טו אַלץ, וואָס איך וועל דיר הייסן, וועסטו שוין אַליין זען, וואָס דערנאָכדעם וועט זיין, ווייל דערנאָכדעם וועט זיין זייער שיין.

מאַכט לייבל:

— גוט, אָבער וואָס־זשע וועט זיין נאָכן דערנאָכ־דעם?

— נאָכן דערנאָכדעם, מאַכט דער טרעמפּ, וועט קו־מען נאָך אַ דערנאָכדעם און אַזוי ווייטער און ווייטער.

דערוויייל אָבער גיי צו דער נאָנטער פאַרם, בעט דאָרט אויס ברויט מיט קעז און ברייננ מיר צוטראָגן, ווייל איך בין שטאַרק הונגעריק.

האָט לייבל אַזוי געטאָן. און אַזוי אַרום איז לייבל אויך געוואָרן אַ קליין טרעמפּל, נאָכגעשלעפּט זיך נאָכן

גרויסן טרעמפּ, אים באַדינט, געטאָן אַלצדינג פון זיינעט־וועגן. יענער האָט גאָר אָנגעקוואָלן. זיי זיינען געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, דורך פעל־דער און וועלדער. אויפן וועג האָט לייבל אַ סך שיינע זאַכן געזען — פאַרשיידענע חיות, פאַרשיידענע פייגלען, פאַרשיידענע מענטשן, אָבער ניט זאַט געוואָרן, געגאַנגען אַלץ ווייטער און געוואָלט וויסן, וואָס דערנאָכדעם וועט זיין.

דריי חדשים האָבן זיי זיך אַזוי אַרומגעשלעפּט. לייבלס קליידער זיינען צעריסן געוואָרן. די שיך אויף פיצלאַך צעפליקט, האָט ער זיי אויסגעטאָן און זיי אַוועקגעוואָרפן ערגעץ אויפן וועג. דערווייל איז דער הערבסט אָנגעקומען, די נעכט זיינען געוואָרן זייער קאַל־טע. פלעגן זיי מאַכן פייערן אויף יעדר אָרט, וואו זיי פלעגן זיך אָפּשטעלן. בראָטן קאַרטאָפל און זיך וואַרי־מען באַם פייער.

ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט געוואָרן מיט אים, ווען איינמאָל זיינען זיי דורכגעגאַנגען אַ שטאָט. ס'איז געווען פאַרנאַכט. האָבן זיי זיך אַריינגעבעטן אין אַ הויז אַריין צו אַן אַלטער פרוי איבערנעכטיקן. באַנאַכט האָט די אַלטע פרוי ניט געקענט אַנטשלאָפן ווערן, איז זי געלעגן אין דער פינצטער און זיך צוגעהערט. הערט זי פלוצלינג, ווי דער קליינער טרעמפּל וויינט פון שלאָף און רופט: מאַמע, מאַמע.

האָט זי זיך עפּעס פאַרקלערט איבער דעם. איר איז נאָך פון אָנהויב איינגעפאַלן, אַז דער גרויסער טרעמפּ

איז ניט זיין טאַטע. ווייל ווען דער קליינער זאָל טאַ־
קע זיין זיין קינד, וואָלט דער גרויסער אַזוי זיך ניט גע־
שאַפּט מיט אים און אים ניט געמאַכט צו אַרבעטן און באַ־
דינען. האָט זי אָנגעהויבן אויסצופרעגן דעם גרויסן
טרעמפּ וועגן אינגעלע, יענער האָט זיך דערשראָקן און
אָנגעהויבן שטאַמלען. האָט די אַלטע זיך צעשריען אויף
אים, ער זאָל איר תיכף אויסזאָגן ווער דאָס קינד איז,
אַז ניט וועט זי רופן מענטשן און ס'וועט זיין אַז ווי
צו אים. האָט זיך יענער נאָך מערער דערשראָקן און
אַנטלאָפן. די אַלטע האָט אָנגעהויבן אויסצופרעגן לייב־
לען און זיך דערוואוסט פון וואָס פאַר א שטאָט ער
איז. איז זי באַלד געלאָפן און אַרויסגערופן זיין מאַמען.

זיין מאַמע איז שפּעטער מיט צוויי טעג געקומען
צופאָרן מיט דער באַן אין גרוים שרעק. זי האָט לייב־
לען שוין דריי חדשים אַרומגעזוכט און ער האָט זיך
אַלץ ניט אָפּגעזוכט, האָט זי געמיינט, אַז ער איז שוין
אויף אייביק פאַרפאַלן געוואָרן. איז זי אָנגעקומען צו
דער אַלטער, זיך שטאַרק דערפרייט איבער לייבלען,
אויסגעהערט פון דער אַלטער די גאַנצע מעשה און איר
באַדאַנקט. לייבלען האָט זי גענומען אַהיים.

פון דאַן אָן האָט לייבל שוין מער ניט געפרעגט:
נו, און דערנאָכדעם ?

דער וואָלף איז געוואָרן אַ גוטער

אין אַ געדיכטן וואַלד צווישן הויכע ביימער איז געשטאַנען אַ הייזל. אין דעם הייזל האָט געוואוינט אַ וואַלד־היטער, וואָס איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען איבערן וואַלד און האָט געפייפט מיט אַ פייפל. דער וואַלד־היטער האָט געהאַט אַ מיידעלע שרהלע. ס'מיידעלע שרהלע האָט געהאַט אַ ווייס ציגעלע. וואָלט געווען אַלצדינג גוט און פיין און שרהלע וואָלט קיין צרות ניט געהאַט.

האָט אָבער אין דעם וואַלד געוואוינט אַ וואָלף. אָט דער וואָלף איז געווען אַ בייזער און אַ שלעכטער. שטענדיק נאָר ער האָט געוואָיעט און געוואָרטשעט.

פאַרוואָס־זשע האָט דער וואָלף נאָר געוואָיעט און געוואָרטשעט? ווייל ער האָט ניט געהאַט וואָס צו עסן. איז ער אומגעגאַנגען איבערן וואַלד שטאַרק הונגעריק.

איינמאָל באַנאַכט האָט דער וואָלף דערזען עפּעס אַ פייערל מאַכט צו אים פון דערווייטנס. גייט ער צו, גיט ער אַ קוק אַז ס'פייערל האָט גאָר ניט צו אים

געמאַכט, נאָר עס האָט גלאַט אַזוי געברענט אין דעם הייזל.

קוקט דער וואָלף אַריין דורכן פענצטער, זעט ער ווי דער וואַלד־היטער מיט זיין מיידעלע שרהלע און מיטן ווייסן ציגעלע זיצן אַרום טיש און עסן קאַשע מיט יויך.

דער וואָלף האָט זייער געוואָלט עסן. טראַכט ער: איך וועל אַריינגיין אין שטוב אַריין, וועל איך אויסכאַפּן די שיסל קאַשע מיט יויך.

ער גייט צו דער טיר און וויל עפענען, ער קען ניט, ווייל די טיר איז געווען פאַרשלאָסן. איז דער וואָלף געוואָרן שטאַרק אין כעס און האָט אָנגעהויבן צו שעלטן שרהלען מיט איר ציגעלע, מיט איר טאַטן.

אויפן אַנדערן טאָג איז דער וואָלף שטילינקערהייט צוגעגאַנגען צום הייזל, גיט ער אַ קוק: ס'ווייסע ציגע־לע שפּילט זיך אין דרויסן און שרהלע שטייט אין קיך און קאָכט וואַרמעס. האָט דער וואָלף אַ כאַפּ געטאָן ס'ציגעלע און געלאָזט זיך לויפן.

האָט ס'ציגל אַ געשריי געטאָן: שרהלע, ראַטע־ווע!

איז גיך שרהלע אַרויסגעלאָפן און זיך געלאָזט לויפן נאָכן וואָלף.

לויפט דער וואָלף און האַלט ס'ציגעלע צווישן די ציין. לויפט שרהלע נאָך און קען ניט דעם וואָלף דער־יאָגן. לויפן זיי אַזוי לאַנג ביז זיי ווערן ביידע מיד. אַז זיי ווערן מיד שטעלן זיי זיך ביידע אָפּ. גיט אַ גע־

שריי שרהלע: וואָלף, וואָלף, גיב מיר אָפּ מיין ציגעלע.

רופט זיך אָן דער וואָלף: איך וועל דיר ניט אָפּגעבן, איך בין ניט קיין בייזער און ניט קיין שלעכטער. איך בין הונגעריק און ס'ציגעלע וועל איך אויפעסן און ווערן זאַט, וועל איך ווערן אַזוי פריילאַך, פונקט ווי דו.

מאַכט שרהלע: אַז דו ביסט הונגעריק, דאַרפסטו אויפעסן ס'ציגעלע? אָ, וואַ, קום צו מיר אַלע טאָג, וועל איך דיר געבן קאַשע מיט יויך, וועסטו זיין זאַט און ווערן פריילאַך.

מאַכט דער וואָלף: אויב אַזוי, איז גוט. און ער גיט אָפּ שרהלען איר ציגעלע.

פון דענסמאָלט אָן קומט דער וואָלף אַלע טאָג צו שרהלען. שרהלע גיט אים אַ פולע שיסל קאַשע מיט יויך. עסט דער וואָלף, ווערט זאַט און איז שוין מער ניט קיין בייזער און קיין שלעכטער, נאָר אַ פריילאַכער און אַ גוטער.



קלוג, קלוג און זיך באַנאַרישט



פוקס איז אַ כיטרע חיה. דאָס ווייסט יעדערער. שטענדיק נאַר זי נאַרט אָפּ. אָבער איינמאָל האָט אָט די קלוגע חיה זיך שיין אַריינגעפּאַקט. אָט הערט ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען:

איינמל באַגעגנט דער פוקס אויפן פעלד אַ הון. בײַ דער הון איז געווען איבערגעבראָכן אַ פיסל. האָט זי ניט געקענט גיין און געמוזט אונ־טערשפּרינגען. דערפרייט זיך דער פוקס. לויפט צו דער הון און וויל זי אויפעסן. אָבער די הון איז גע־ווען אַזוי קליין און דאַר, אַז זי וואָלט דער פוקס קוים געקלעקט אויף איין צאָן.

דערזעט ס'הינדל דעם פוקס הייבט זי אָן צו בעטן אים: פוקס, פיר מיך אָפּ צו מיין באַלעבאָס, ער וועט דיר זאָגן דערפאַר אַ דאַנק.

טראַכט זיך דער פוקס: אפשר איז דאָס טאַקע אַ פּלאַן. איך וועל אָפּפירן די הון צום באַלעבאָס וועט ער זען, אַז איך בין אַ גוטער וועט ער ניט מורא האָבן פאַר מיר און מיך מאַכן פאַר אַ שומר איבער אַלע הינער. דענסמאָלט וועל איך לעבן אַ גוטן טאָג.

האָט גענומען דער פוקס און אָפּגעפירט ס׳הינדל צו זיין באַלעבאָס, און זאָגט צו אים: זעסט, וואָס פאַר אַ גוטער איך בין ?!

זאָגט דער באַלעבאָס: ס׳קומט דיר טאַקע אַ דאַנק דערפאַר.

מאַכט דער פוקס: ס׳קומט מיר ניט קיין דאַנק. איך בין נאָר אַ גוטער, האָב איך עס געטאָן. ווען דו ווילסט, אַז די הינער זאָל זיין גוט, מאַך מיך איבער זיי פאַר אַ שומר.

ווייסט שוין דער באַלעבאָס, וואָס דער פוקס מיינט, אָבער ער מאַכט זיך ניט ווייסנדיק און זאָגט צום פוקס: זייער גוט. און דערווייל זאָגט אָן דער באַלעבאָס דעם הונט, ער זאָל דעם פוקס גוט נאָכקוקן שטילינקערהייט און טאָמער עפּעס אים באַצאָלן ווי אַזוי ס׳קומט אים.

דערפרייט זיך דער פוקס און ווערט אַ שומר.

אַ גאַנצן טאָג איז דער פוקס געווען צווישן די הינער און האָט גאָרניט אָנגערירט. אָבער, ווי אַזוי נאָר ס׳איז געוואָרן נאַכט, איז ער געגאַנגען און אַ פּאַק געטאָן די פעטסטע הון און וויל זיך שוין נעמען צו איר. אָבער דער הונט איז אַרויפגעשפרונגען אויף אים און אים גוט צעריסן, האָט שוין דער פוקס געהאַט אַ גוטע וועטשערע.

די בין האָט אָפּגענאַרט דעם בער

בער איז דאָך אַ נאַשער, האָט ער ליב האָניק. באַ וועמען איז דאָ האָניק? באַ די בינען. ווילן אָבער די בינען ניט געבן דעם בער קיין האָניק. האָט זיי דער בער זייער פיינט דערפאַר.

וואָס נאָך טוען די בינען? זיי ווייסן, אַז דער בער וועט שטענדיק זיך וועלן אַריינרייסן צו זיי אין בינשטאָק, דאַרף מען אים אַ גאַנצן טאָג האַלטן נאָר אין איין היטן. אָבער אַז די בינען האָבן קיין צייט ניט צו שטיין אַ גאַנצן טאָג אין דרויסן און האַלטן אין איין היטן דעם בער, ווייל זיי דאַרפן דאָך גיין צו דער אַרבעט, האָבן זיי גענומען דעם בינשטאָק און אים באַהאַלטן טיף, טיף אין וואַלד.

גייט אַרום דער בער איבערן וואַלד גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט. שמעקט מיט זיין ניאָניע און האַלט אין איין זוכן דעם בינשטאָק. אָבער דער בינשטאָק איז אַזוי גוט באַהאַלטן, אַז דער בער קען אים ניט געפינען.

איינמאָל דערזעט דער בער, ווי אַ בין פליט צו אַ בלום. גיט אַ לעק צו ס'מיילכל און זויגט.

טראַכט זיך דער בער: די בין וועט מסתמא באַלד פליען צוריק אַהיים, וועל איך איר נאָכגיין און זיך דער־וויסן, וואו דער בינשטאָק געפינט זיך.

די בין האָט זיך דערוויל גוט אָנגעזויגן און פליט אַ היים. קערט זי זיך אום און גיט אַ קוק: אַהאַ, דער בער גייט איר נאָך. האָט די בין פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. איז זי אָבער ניט קיין נאַרישע. וואָס זשע טוט זי? זי פליט ניט אַ היים, נאָר ערגעץ אין אַן אַנדער וועג. וואוהין? דאָס ווייסט שוין די בין.

דער בער אָבער גייט נאָך. ער מיינט, דער נאַר, אַז אָט באַלד קומט ער צום בינשטאָק. פליט די בין און פליט. דער בער נאָך איר לויפט און שפּרינגט מיט זיינע געראַטענע פיס. פּלוצלינג, ווײ! אַזאַ צרה! דער בער פאַלט אַריין גלייך אין אַ נעץ.

דאָס האָט די בין פאַרפירט דעם בער גלייך אין דער נעץ. ליגט דער בער דאָרטן, וואַרפט זיך אין אַלע זייטן ווי אַן אָפּגעבריטער און קען זיך ניט אויספּלאָנטערן.

די בין פליט פריילאַך אַ היים.

זיינען געקומען מענטשן, דעם בער אַרויסגעפּלאָנ־טערט פון נעץ, גענומען אים אין שטאָט אַריין און אויס־געלערנט טאַנצן.

פון דענסמאָלט אָן מוז דער בער טאַנצן אויף אַלע שמחות און ער דערציילט יעדערן ווי אַזוי אַ בין האָט אים אָפּגענאַרט.

א י נ ה א ַ ל ט :

יאַנקעלע פליט אין חלום לאַנד — — — — — — — — 3
קעצעלע וואַשערן — — — — — — — — — — — 7
שרהלע מיטן ציגעלע — — — — — — — — — — — — 12
שרהלע מיט איר קעצעלע פוסי — — — — — — — — — 19
ס'הינטעלע מיטן קעצעלע — — — — — — — — — — — 23
ציגעלע-מיגעלע — — — — — — — — — — — — — 28
שרהלע, משהלע, יאַנקעלע און באַרזיק — — — — — — 35
צוויי אָרמייען — — — — — — — — — — — — — 40
דער האָן וויל נישט ליידן — — — — — — — — — — 46
ס'הינטעלע שוואַרץ פינטעלע — — — — — — — — — — 52
מאַטעלע מיט דער קאַפּאָטעלע — — — — — — — — — 55
דער האָז און אַ זונענשטראַל — — — — — — — — — — 57
דער האָז זוכט זיין נאָז — — — — — — — — — — — 59
בלומע בלוי אייגעלע — — — — — — — — — — — — 62
פאַרגעס-מיך-נישט — — — — — — — — — — — — 65
ליליע מיט די ליליעס — — — — — — — — — — — — 67
אַ מעשה מיט פייגעלאַך — — — — — — — — — — — 69
מייזעלע גנב — — — — — — — — — — — — — — 76
נו, און דערנאָכדעם? — — — — — — — — — — — — 80
דער וואָלף איז געוואָרן אַ גוטער — — — — — — — — 89
קלוג, קלוג און זיך באַנאַרישט — — — — — — — — — 92
די בין האָט אָפּגענאַרט דעם בער — — — — — — — — 94